**דער רמב"ם'ס ווערטער: "אמר האיש לעלות לארץ ישראל והיא אינה רוצה — תצא שלא בכתובה. אמרה היא לעלות והוא אינו רוצה — יוציא ויתן לה כתובתה. והוא הדין לכל מקום מארץ ישראל עם ירושלים, שהכל מעלין לארץ ישראל ואין הכל מוציאין משם, והכל מעלין לירושלים ואין הכל מוציאין משם."**

**פשט:** אויב דער מאן וויל עלות לא"י און זי וויל נישט – זי גייט ארויס אן א כתובה. אויב זי וויל עלות און ער וויל נישט – ער מוז איר געבן א גט מיט כתובה. די זעלבע דינים גילטן לגבי ירושלים כלפי אנדערע ערטער אין א"י – סיי דער מאן סיי די פרוי קענען פאדערן צו גיין קיין ירושלים, און קיינער קען נישט פאדערן אוועקצוגיין פון ירושלים.

**חידושים:**

1. **"הכל" מיינט סיי דער בעל סיי די אשה** – ביידע האבן די רעכט צו פאדערן צו גיין צו א"י (אדער צו ירושלים), און ביידע האבן נישט די רעכט צו פאדערן אוועקצוגיין.

2. **ירושלים כלפי א"י = א"י כלפי חו"ל:** דער רמב"ם שטעלט אויף א פאראלעל – ירושלים האט די זעלבע חשיבות כלפי רעשט פון א"י ווי א"י האט כלפי חו"ל.

3. **ראיה אז ס'גייט נישט נאר אום א מצוה, נאר אום חשיבות המקום:** פון דעם וואס דער רמב"ם שטעלט גלייך ירושלים כלפי א"י, זעט מען אז דער יסוד איז נישט נאר א מצוה פון ישוב א"י, נאר א ענין פון **חשיבות המקום**. ווייל לגבי ירושלים כלפי אנדערע ערטער אין א"י – ס'איז זיכער נישטא קיין ספעציפישע מצוה פון דירה בירושלים (אין דעם זעלבן זין ווי ישוב א"י), און דאך גילטן די זעלבע דינים פון כפיה. דאס שטארקט דעם פארשטאנד אז דער רמב"ם'ס יסוד איז א ברייטערער מושג פון וואו א איד באלאנגט, נישט בלויז א טעכנישע מצוה.

## תמלול מלא

### הלכות כסות — שיעור חמישים זוז און די שאלה פון היסטארישע שיעורים אין דער משנה תורה

**מבוא: סטרוקטור פון די חיובים צווישן מאן און פרוי**

**ר' יצחק:** א גוט יאר אלע טייערע אידן. אונז האלטן דא אינמיטן די תורה, טיף אינמיטן ספר נשים.

**ר' יואל אשר:** טיף אינמיטן ספר נשים.

**ר' יצחק:** אה, אונז האלטן ביי די סוגיא פון אונז האלטן

**ר' יואל אשר:** הלכות אישות ביי י"ג, דרייצנטער פרק פון הלכות אישות. מ'האלט אינמיטן חיובים צווישן די מאן און די פרוי. דער רמב"ם האט שוין געזאגט אז די ס'דא ס'דא פערצן אין טאטאל, און דריי פון זיי זענען די דאורייתא'ס, סאו קודם שטעלט ער זיך אויף די דאורייתא. די פאריגע איז געווען בעיקר ביי אבאוט שאר, מיט שאר איז מיטגעקומען נאך זאכן, און דאס איז אבאוט כסות, און מיט כסות גייט מיטקומען נאך זאכן.

**ר' יצחק:** זייער גוט. ס'הייסט, כאילו, לאמיר לאמיר טרייען צו געדענקען די הרחבה פון יעדע זאך. ס'הייסט, אין די תורה שטייט אה **"שארה כסותה ועונתה לא יגרע"**, גייען אונז אויף די סדר פון די דריי זאכן. אונז האבן געלערנט שארה טייטש מזונות. דער רמב"ם האט מער ווייניגער געזאגט וויפיל מזונות איז, דא אה צוגעלייגט צו ס'הייסט מיט מזונות קומט

**ר' יואל אשר:** צו לאמיר פאר די קינדער.

**ר' יצחק:** אה, ניין, וועיט, אבער דאס איז ס'אקעי, מזונות לבנים, אונז גייען לערנען אז דא דא איז אויך דא כסות לבנים. אבער נאך איין זאך איז צוגעקומען צו מזונות, אז מזונות מיינט נישט נאר, ניין, מזונות מיינט נישט נאר, איך טריי צו געדענקען מזונות מיינט נישט נאר עסן, נאר אויך אז ער דארף איר געבן טאשן געלט. טאשן געלט. אינטערעסאנט אז דאס הייסט בכלל מזונות.

**ר' יואל אשר:** דאס איז בגדר מזונות, אינטערעסאנט.

**די פיר עיקר שאלות ביי יעדע חיוב**

**ר' יצחק:** און מיט דעם האבן מיר געלערנט אה אזוי ווי דו זאגסט, צוויי עיקר הרחבות אז מ'דארף צאלן אויך פאר די קינדער מזונות, לויט די הלכות, און אויכעט הלכות פון ווען מ'קען נעמען פון א מענטש שלא בפניו מזונות. אה סאו, מ'דארף געדענקען אז די צוויי שאלות וועט זיין לכאורה ביי אלע זאכן, דאס הייסט שאר, כסות, און עונה איז נישט נוגע, אין דער ענדע איז דא א פאר זאכן וואס מ'ועט זען ווייטער, אבער ביידע פון זיי קען מען פרעגן די זעלבע שאלה, צו מ'דארף געבן פאר די קינדער, און אויכעט וואס געשעט אויב ער איז נישט דא, צו מ'קען תובע זיין שלא בפניו אה די געלט,

**ר' יואל אשר:** וכו' מ'גייט לערנען די הלכות פון אלעס.

**ר' יצחק:** סאו בעיסיקלי, לאמיר זאגן אין מיין קאפ א סטראקטשער. די ערשטע זאך איז, וואס איז די שיעור? וויפיל מזונות? וויפיל כסות? און צו דעם קומט צו אזוי ווי ס'איז דא נאך זאכן אלעמאל וואס זענען בכלל דעם, מזונות מיינט נישט דוקא ברויט און

**ר' יואל אשר:** וואס עס קען מיינען נאך.

**ר' יצחק:** די זעלבע זאך כסות מיינט נישט נאר אה א העמעד,

**ר' יואל אשר:** ס'קען מיינען נאך זאכן, מ'גייט לערנען כלים און זאכן.

**ר' יצחק:** און נאכדעם איז דא שאלות פון פאר וועמען נאך מ'דארף געבן, און אז מ'דארף געבן פאר אה וויאזוי הייסט עס אהה וואס איז אויב ער איז נישט דא, צו מ'קען תובע זיין, תופס זיין כאילו.

**דיסקוסיע: כסות און מדור — די סאציאלע דימענסיע**

**ר' יואל אשר:** און נאך עפעס קומט צו, איך מיין אז היות אז כסות איז אויך האט א שטיקל השפעה אויף די סאושעל, אז זי גייט אנגעטון גוט, איז אן ענין פון צווישן אירע חבר'טעס. קומט צו נאך ווען א מאן שטערט איר רילעישענשיפ מיט אירע פרענדס,

**ר' יצחק:** אז זי זאל זיך שפירן ווי א מענטש צווישן אירע חבר'טעס. איך מיין אז דאס קומט אריין בעיקר ווייל מ'זאגט אז בכלל כסות איז מדור, און דאס האט מער צו טון מיט וואו זי וואוינט און צו זי מעג ארויסגיין.

**ר' יואל אשר:** מם. אזוי ווי איך האב געטראכט אז, אז כסות קומט אריין וויאזוי ס'איז די סטייל, זי וויל אויסקוקן מענטשליך,

**ר' יצחק:** זי וויל אויסקוקן גוט צווישן אירע פרענדס. לאמיר זען אין די... ווער איז גערעכט. וועט אויסגעפינען.

**דרשה: שארה כסותה ועונתה פאר די שכינה**

**ר' יואל אשר:** אקעי, זייער גוט. אבער פאר אונז לערנען דארף מען זיך דערמאנען די ספאנסארס, ניין?

**ר' יצחק:** דו שטעלסט צו עונה פון די שיעור?

**ר' יואל אשר:** יא. יא, **תורה אמור לחכמה אחותי את**, און נישט אחותי את, פאר די שוועסטער דארף מען נישט געבן, **אמור לחכמה אשתי את, מורשה קהילת יעקב**. ס'איז דא איינער וואס טוט כסות פאר די תורה, ער דעקט צו די תורה מיט שטיצע אז מ'זאל קענען...

**ר' יצחק:** זייער גוט. דער זוהר הקדוש זאגט אז ווער ס'לערנט, יעדער איד דארף מקיים זיין פאר די שכינה, **שארה כסותה ועונתה לא יגרע**. איך געדענק נישט פונקטליך זיינע דרשות, איינס איז תורה, מצוות, און איך מיין אז עונה מיינט סתם מ'דארף געבן צייט, מאכן התבודדות א פאר מאל א יאר, ס'טרעפט זיך טרעפן מיט'ן אייבערשטן, איז אויך א חיוב פאר די מצוות זמניות, און בעיסיקלי אלס שארה כסותה ועונתה פון די... אה, עונתה קען מיינען אזוי ווי ימים טובים און אזעלכע צייטן.

**ר' יואל אשר:** כאילו א דעיט מיט'ן אייבערשטן,

**ר' יצחק:** א זמן היחוד. עניוועיס, זאלסטו נאר טון אריין. אויך זייער וויכטיג צו דערמאנען אז מ'קען ספאנסערן א שיעור. ווער ס'וויל ספאנסערן א געוויסע שיעור, טאמער למשל ער איז צוקריגט מיט זיין ווייב און ער וויל ספאנסערן פונקט די שיעור וואס רעדט וואס די הלכה איז, קען ער קוקן אין די, אין די מפתח הלכות אישות און זען וועלכע שיעור, אזוי ווי ביי די ספר תורה, מ'טרעפט וועלכע פרשה צו ספאנסערן. זייער וויכטיג. און ס'איז דא ספעשעל פרקים וואס איז ווערט מער געלט. געוועגליך א שיעור צו ספאנסערן קאסט פינף הונדערט, אבער אויב מ'וועט טרעפן א גוטן פרק, וועט דער פרק זיין פאר טויזנט.

**ר' יואל אשר:** פונקט פארקערט, איך מיין אויב איינער דארף חיזוק אין זיין שלום בית זאל ער ספאנסערן איינע פון די הלכות וואו מ'רעדט וועגן שלום בית, און סיי דאס געלט וועט אויפטון, און סיי איינמאל ער האט אריינגעצאלט געלט, וועט ער דאך מסתמא אויסהערן די שיעור, און ער וועט אויסהערן די שיעור, און זאכן וועלן ווערן בעסער.

**ר' יצחק:** וואס אויב ס'איז זיין ווייב'ס פאולט,

**ר' יואל אשר:** זאל זי ספאנסערן. אפילו אויב ס'איז זיין ווייב'ס פאולט, אז ער וועט אויסהערן די שיעור וועלן זאכן וועלן בעסער.

**ר' יצחק:** אקעי, דער רבי זאגט צו א הבטחה. יא. מרוב...

**הלכה: שיעור כסות — חמישים זוז משנה לשנה**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם אזוי:

**ר' יצחק:** זייער גוט, גיי מיר לערנען הלכות כסות.

**ר' יואל אשר:** יא, אונז האבן דאך געלערנט אז מ'דארף געבן פאר די ווייב. איינע פון די זאכן איז כסות, איז וויפיל? יעדע זאך אין די תורה איז דא נאכדעם א שיעור. **"כמה הכסות שהוא חייב ליתן לה"**,

**ר' יצחק:** וויפיל דארף ער איר געבן?

**ר' יואל אשר:** ממ. זאגט דער רמב"ם, די שיעור איז, אזוי שטייט אין די משנה, אט די אלע זאכן זענען משניות אין כתובות, **"בגדים של חמישים זוז משנה לשנה ממטבע אותן הימים"** מען דארף קויפן בגדים די ווערט פון חמישים זוז. איי איי איינמאל א יאר דארף מען ספענדן חמישים זוז אויף בגדים. און די חמישים זוז מיינט נישט צו זאגן אז מען דארף אויסרעכענען וויפיל חמישים זוז איז געווען אין די צייטן פון די

**ר' יצחק:** חכמים וויפיל ס'וועט אויסקומען היינט. מטבע אותן היום, ס'טייטש,

**ר' יואל אשר:** זאלסט קאמפערן זאלסט קאמפערן די היינטיגע מטבע צו דעמאלטסדיגע חמישים זוז.

**ר' יצחק: שנמצאו החמישים החמישים שישה**

**ר' יואל אשר: דינרין ורביע דינר כסף.** אז חמישים זוז איז א קלענערע מטבע, און אויב דו מאכסט עס גרעסערע מטבע'ס ווערט עס דינרין,

**דיסקוסיע: פארוואס ברענגט דער רמב"ם היסטארישע שיעורים?**

**ר' יצחק:** און דאס איז א גמרא. דאס הייסט, ס'איז זייער אינטערעסאנט, אונז האבן געלערנט פריער אז אונז האבן די זעלבע שאלה אויף יעדע פרק רמב"ם. דאס הייסט נישט יעדע פרק רמב"ם, אזעלכע סארט פרקים וואס זענען דיטעילס. וואס לכאורה איז אזוי, לאמיר טרייען צו טראכטן: אין די תורה שטייט **שארה כסותה ועונתה**, יעדער איינער פארשטייט עס, מען דארף נישט געבן וויינינגער מען דארף נישט געבן, נישט זיין קיין חיה וואס געבט נישט פאר דיין ווייב וואס עס קומט זיך איר. וויפיל? שטייט נישט אין די תורה. פארוואס?

**ר' יואל אשר:** וואס איז זייער שווער צו זאגן,

**ר' יצחק:** וואס עס איז פשוט, ער וועט פרעגן פון די בית דין וואס עס קומט זיך. נאכדעם, ווילט א וויל איינער שוין יא זאגן א רול, וועט ער זאגן אז שארה כסותה ועונתה לויט ווי ס'איז אנגענומען אין זיין ארצו ומקומו אזוי וואלט וזמנו, אזוי געזאגט. למעשה, אין די משניות זענען טאקע געשריבן געווארן אין א געוויסע ארץ, זמנו, ומקום, און די משניות האט געמאכט סענס. די משניות זענען געקומען פון די בית דין של רבי יהודה הנשיא צי ווער נאך פאר דעם, און מ'דארף וויסן וואס איז די מנהג, וויאזוי פסק'נט מען טאקע אז מ'איז אז ער איז מחויב. און סאמטיימס די גמרא קומט, און די גמרא זאגט: אה, אין די משנה איז געווען אזוי, אבער היינט איז אנדערש, איז די הלכה אנדערש.

יעצט, שפעטער, נאך טויזנט יאר שפעטער קומט דער רמב"ם און ער וויל מאכן א law book אזוי ווי א ספר משנה תורה, די אלע הלכות. סאו וואס טוט ער? ער וואלט ער קען דאך נישט ער וואלט נישט ער וואלט געקענט בלייבן מיט די תורה. אקעי, דאס איז נישט גענוג. וואלט וואלט ער געקענט בלייבן מיט די כלל אז יעדע מקום לפי וואס איז אנגענומען אין דעם מקום. אבער ער טוט נישט דאס, ער ברענגט נאך די דיטעילס וואס לכאורה איז שוין לאנג נישט נוגע, דאס הייסט אין די זמן המשנה, אפילו ווען אין די זמן הגמרא איז נישט געווען שוין נוגע, איז זייער מאדנע.

דאס וואס דער רמב"ם זאגט דא: **"שנמצאו החמישים שישה דינרין"**, דאס איז א גמרא. ס'איז נישט פשט דער רמב"ם רעכנט בזמנו, דער רמב"ם רעכנט וואס עס שטייט אין די גמרא. אפילו ווען עס שטייט א שינוי,

**ר' יואל אשר:** איז נאר א שינוי וואס שטייט אין די גמרא.

**ר' יצחק:** אפילו בזמן הרמב"ם איז שוין נישט געווען, דער רמב"ם'ס צייטן איז געווען עפעס אנדערע געלט, קיינער ווייסט.

**ר' יואל אשר:** סאו ס'איז אביסל מאדנע. דער רמב"ם האט געוואנדערט, ווען ער וואלט עס געשריבן אין ספעין, וואלט ער געדארפט נאכאמאל איבערשרייבן ווען ער קומט אן אין אין אידזשיפט.

**ר' יצחק:** רייט, סאו ס'איז א שטיקל שאלה, וואס ער טוט.

**די פראקטישע נוגעות פון די שיעור**

**ר' יואל אשר:** ס'איז א שאלה, אבער ס'איז אויכעט אביסל אינטערעסאנט, ווייל שפעטער גייען מיר דאך זען אז במה דברים אמורים, בעני, ביי עשיר דארף ער געבן לפי כבודו. און דא קען מען הערן אז דאס איז די מינימום,

**ר' יצחק:** דאס איז נישט קיין פראבלעם, דאס וואס דו, ס'הייסט לאמיר זאגן די סטראקטשור פון די הלכות איז נוגע בזמן הזה אויכעט. יעדע מקום איז אלעמאל דא א מינימום און א מאקסימום און אויב ער איז א גביר וכו'. אבער דאס וואס בכלל די הלכות באריכות איז אביסל שווער, רייט? און איך ווייס נישט קלאר וועלכע מצוה, ס'הייסט וואס מ'לערנט זיך פון די אלע הלכות. ס'איז שווער, נישט נוגע?

**ר' יואל אשר:** ס'קען יא זיין נוגע, לאמיר זאגן אזוי, אז ווען, ווען ס'ווערט נוגע איז ווען ס'ווערט א דין תורה. די פרוי זאגט: דו גיסט מיר נישט גענוג געלט פאר וועש. ס'איז געגאנגען קומען צו דין תורה, ביי דין תורה דארף מען אויסרעכענען אז לויט וויפיל, מ'דארף אויסרעכענען נישט נאר וויפיל חמישים זוז איז, נאר וויאזוי מ'פלעגט דעמאלטס, וויפיל חמישים זוז האט אויסגעמאכט פון די וועכנטליכע ווערדזשעס. און וויפיל וועש האט דעמאלטס געקאסט. איך מיין למשל אז היינט מיט די גרויסע קאמפאניס איז וועש נאר געווארן ביליגער, ס'איז נישט געווארן טייערער, אין די גרויסע סטארס. סאו, גאר אינטערעסאנט, ווייל ביי דין תורה גייט מען אויך גארנישט האבן פון וויסן דעי נאמבער, ווייל דעי נאמבער וועט מען דארפן קאמפערן וויפיל ס'וואלט געווען אין היינטיגע געלט.

**ר' יצחק:** און מ'קען עס אפילו נישט,

**ר' יואל אשר:** אפילו דאס דארף איך נישט געוואר,

**ר' יצחק:** ווייל ס'איז אמת'דיג תלוי במנהג, ס'איז נישט תלוי, ס'איז נישט פשט, למשל לאמיר טראכטן, ס'איז דא הלכה פון מחצית השקל, רייט? איך ווייס מ'האט געלערנט, אויף דעם איז אויך נישט אזוי קלאר, אבער ס'איז אביסל קלארער. מחצית השקל שטייט אין תורה וויפיל ס'איז, עשרים גרה, און דער רמב"ם זאגט דארט א הלכה אז ס'מוז זיין עט ליסט, מ'מוז רעכענען וויפיל די זילבער איז געווען דעמאלטס, מ'האט שוין געפרעגט דעמאלטס א קשיא אז היינט איז עפעס זילבער אסאך ביליגער, האט מיין ברודער דוד געשיקט א מעסעדזש אז ס'שטימט נישט, ווייל אונז האבן זיך

**ר' יואל אשר:** געוואונדערט וויאזוי זילבער איז געווארן ביליגער ווי ס'איז געווען אמאל?

**ר' יצחק:** יא, אסאך ביליגער ווי ס'איז אמאל געווען. סאו אונז האבן זיך געוואונדערט וויאזוי מ'קען פון א האלבע שקל

**ר' יואל אשר:** קויפן קרבנות פאר א גאנצע יאר. האט ער געזאגט אז

**ר' יצחק:** ס'איז דא ריסוירטש וואס וייזט אז ס'איז געווען טאקע אסאך מער ווערט אמאל די זילבער. סאו ווייס איך אויך נישט, אבער לאמיר זאגן ס'איז דא א מינימום הלכה'דיג אז וויבאלד בזמן התורה איז געווען אזוי, אזוי זאגט דער רמב"ם בפירוש, רייט? מ'מוז געבן לפחות וויפיל ס'איז, מ'רעכנט, היינט איז אפשר נישט דא קיין שקלים, אקעי, פיגור אויס וויפיל די היינטיגע דאלערס איז ווערט די אמאליגע שקלים.

דא אין די הלכה איז אפילו נישט דא אזא הלכה, רייט? ס'איז נישט קיין הלכה אז ער דארף רעכענען חמישים זוז פון בזמן המשנה וויפיל ס'איז היינט ווערט, און עט ליסט דאס געבן. ס'איז נישט דא אזא דין, ער דארף געבן וויפיל ס'איז ווערט היינט. פארוואס לערנען זיי היסטארי?

**ר' יואל אשר:** יא, רייט. און אויכעט, איינמאל לאמיר זאגן אז די ווערד פון וועש איז געפאלן, און מ'איז יוצא מיט... שפעטער גייט דאך שטיין וועלכע מיני וועש מ'זאל געבן, מ'זאל געבן אזא קלייד און אזא קלייד וואס א מענטש דארף האבן. איז לאמיר זאגן היינט א מאן האט געגעבן פאר זיין פרוי דאס איז נארמאל, אנגענומען, בעל הבית'יש אנגעטון, און זי ברענגט אים אין תורה, און זי מאכט א חשבון אז ששה דינרים, לויט אמאליגע געלט און לויט א דאס, קומט אויס מער. איך גלייב נישט אז

**ר' יצחק:** דער בית דין גייט לכבוד דעם מחייב זיין צו קויפן טייערערע וועש. זיכער נישט. זיכער נישט. סאו, ס'איז נישט קלאר וואס, א אמת, אין א געוויסע זין אלע הלכות, הלכות שבת אויך האבן מיר געהאט א ענליכע פראבלעם, דארט קען מען זאגן אז מ'לערנט זיך געוויסע כללים פון די ציורים וואס שטייט אין די גמרא, די פוסקים פירן זיך אזוי אין הלכות שבת. אבער אין הלכות, עם אבן העזר פירט מען זיך נישט אפילו אזוי. סאו, ס'איז נישט קלאר.

**ר' יואל אשר:** דער אמת איז אז ס'איז דאך דא, ביי דעם איז דאך דא מחילה אויכעט, סאו ס'איז שווער צו...

**דער רמב"ם'ס פראדזשעקט: א ספר חוקים פאר כלל ישראל**

**ר' יצחק:** איך וויל זאגן וואס איך טראכט וועגן דעם פראוויזשענעלי, ס'הייסט א וואס איך ווייס וועגן דעם נושא. איך מיין אונז רעדן אסאך מאל וועגן די שאלה, אפשר איינמאל וועט מען אנקומען צו א קלארקייט. א קודם כל אזוי, מ'דארף פארשטיין דער רמב"ם'ס פראדזשעקט קודם כל. נאכדעם וועט מען זען, עם וואס אונז קענען טראכטן.

דער רמב"ם'ס פראדזשעקט איז א גרויסע חידוש. ער האט געוואלט, אזוי ווי דער רמב"ם זאגט אין זיין בריוו, אז די אומה זאל האבן א ספר חוקים, אזוי ווי יעדער אומה מתוקנת האט עפעס א געזעץ, מען דארף וויסן וואס הלכה איז. סאו דער רמב"ם'ס סטראקטשער איז געווען אז וואס ס'שטייט אין די גמרא, דאס איז מחייב, חייבים כל ישראל ללכת בו. ס'איז אליינס א חידוש פון דער רמב"ם וכו', אבער דאס איז געווען זיין וועג. א דער מחבר

## דער רמב"ם'ס פראיעקט: פארוואס שרייבט ער דיטעילס אן טייטשן?

**דער רמב"ם'ס ציל: א ספר חוקים פאר כלל ישראל**

**ר' יצחק:** סאו, ס'איז נישט קלאר פארוואס... באמת אין א געוויסע זין אלע הלכות, הלכות שבת אויכעט האבן זיי געהאט אן ענליכע פראבלעם. דארט קען מען זאגן אז מ'לערנט זיך געוויסע כללים פון די ציורים וואס שטייט אין די גמרא, די פוסקים פירן זיך אזוי אין הלכות שבת. אבער אין הלכות אבן העזר פירט מען זיך נישט אפילו אזוי. סאו,

**ר' יואל אשר:** ס'איז נישט קלאר. אמת איז אז דא ביי דעם איז דאך דא מחילה אויכעט, סאו ס'איז שווער צו...

**ר' יצחק:** איך וועל זאגן וואס איך טראכט וועגן דעם פראוויזשענעלי, דאס הייסט, וואס איך ווייס וועגן דעם נושא. איך מיין, מיר רעדן אסאך מאל וועגן די שאלה, איינמאל מ'קומען צו א קלארקייט. אבער קודם כל אזוי, מ'דארף פארשטיין דעם רמב"ם'ס פראדזשעקט, קודם כל, נאכדעם וועלן מיר זען, עם וואס אונז קענען טראכטן.

דעם רמב"ם'ס פראדזשעקט איז א גרויסע חידוש. יא, ער האט געוואלט, אזוי ווי דער רמב"ם זאגט אין זיין בריוו, אז די אומה זאל האבן א ספר חוקים, אזוי ווי יעדער אומה מתוקנת האט איר געזעצן, מ'דארף וויסן וואס הלכה איז. סאו דעם רמב"ם'ס סטראקטשער איז געווען אז וואס שטייט אין די גמרא, דאס איז מחויב, חייבים כל ישראל ללכת בו. ס'איז אליינס א חידוש פון דעם רמב"ם וכו', אבער דאס איז געווען זיין וועג.

נישט געהאט למעשה, ער וואלט נישט געקענט טון אנדערש, ווייל אויב נישט וואלט מען זיכער נישט געטראסט אין אים. ווייל דער רמב"ם זאגט, ווערט אים געפרעגט. האט ער געזאגט אז די גמרא.

**די פלא: דער רמב"ם טייטשט נישט אין משנה תורה**

יעצט, דער רמב"ם האט געוואוסט אז אין די גמרא האט זיך אסאך זאכן געטוישט. נישט נאר דעם, ער האט געוואוסט אז אסאך לשונות וואס שטייט אין די משנה, אין די גמרא, ווייסן נישט מענטשן היינט וואס ס'איז. וויאזוי ווייס איך דאס? ווייל ער האט געשריבן א ספר פירוש המשנה, און אין פירוש המשנה איז דער רמב"ם מסביר יעדע זאך די טייטש דערפון. אויב ס'שטייט זוז, ער זאגט וויפיל זוז איז היינט, און אויב ס'שטייט עפעס א ווארט וואס דער עולם ווייסט נישט, טייטשט ער עס אויף אראביש וכו'.

און די פלא איז אז אין די משנה תורה טוט ער דאס נישט, רייט? אסאך ווערטער וואס דער רמב"ם האט געוואוסט אז קיינער וואס גייט עס ליינען גייט וויסן וואס ער מיינט, ווייל ס'איז א ווארט פון די משנה, און בזמנו ווייסט מען נישט. אזוי שטייט אין הקדמה צו פירוש המשנה אז דאס איז איינע פון די זאכן וואס א פירוש אויף די משנה דארף טון, זאגן טייטש, און ער ווייסט אז קיינער ווייסט וואס ער מיינט, און ער שרייבט עס עניוועיס אין די משנה תורה. און ער שרייבט נישט איבער די טייטש, געוועגליך. ס'מאכט זיך אמאל אז ער שרייבט די טייטש בזמנו, רוב צייט שרייבט ער איבער די לשון המשנה, די לשון הגמרא.

**משנה תורה איז נישט קיין שמירת שבת כהלכתה**

סאו וואס טוט ער? אלא מאי, דער רמב"ם האט נישט געהאלטן אז זיין ספר איז א פראקטישע שמירת שבת כהלכתה. מ'קען נישט לערנען פון דעם הלכות, ווייל דו ווייסט אפילו נישט וואס טייטש א חגור, איך ווייס וואס שטייט דא, א כופה. ס'איז שווער צו זאגן,

**ר' יואל אשר:** אבער איך מיין אז דו זאגסט עס נאכדעם וואס ס'איז דא שמירת שבת כהלכתה. אין די צייטן פונעם רמב"ם איז דאך נישט געווען קיין שום ספר וואס איז געווען אפילו נאנט צו אים. סאו די תירוץ איז... סאו פון אלעס וואס איז געווען ביז דעמאלטס איז דאס די מערסטע נאנט צו פראקטיש.

**ר' יצחק:** סאו ס'איז געווען סאו יא,

**ר' יואל אשר:** ס'איז געווען אויף געוויסע מקצועות. און מאכט וויאזוי צו בודק חמץ זיין, אבער גראדע happens to be אז וויאזוי בודק חמץ זיין שטייט שוין אין די משנה זייער שיין מסודר.

**ר' יצחק:** ניין, די גאונים פלעגן שרייבן אזעלכע אכטונגס פראקטיש הלכה למעשה.

**ר' יואל אשר:** ס'קען זיין.

**די פילאזאפישע קשיא: פארוואס שרייבט די תורה דיטעילירטע געזעצן?**

**ר' יצחק:** כ'וועל דיר זאגן די תירוץ. כ'וועל דיר זאגן וואס איך מיין, וואס איז די עכטע תירוץ וואס איך טראכט וועגן דעם, איך מיין אז די תירוץ פאר דעם איז אז דער רמב"ם האט געהאלטן אז מ'זאל נישט שרייבן קיין שמירת שבת כהלכתה. ווייל ס'איז דאך דא א פראבלעם.

כ'וועל זאגן א פראבלעם, לאמיר ס'פרעגן אן אנדערע וועג אונזער קשיא. אונז האבן געפרעגט א קשיא, פארוואס לערנט מען די אלע זאכן צו די היסטאריע, ס'איז דאך נישט נוגע להלכה? און איי די כללים? די כללים קען מען שרייבן אין דריי סעקאנדס, מ'דארף שוין נישט לערנען די אלע פרטים.

איז איך וועל דיר זאגן אזוי: א גרעסערע קשיא. יעדער איינער וואס האט געלערנט, ס'איז א קשיא נפלאה, און מ'דארף וויסן די תירוץ.

**פלאטא און אריסטו: מ'זאל נישט מאכן דיטעילירטע געזעצן**

יעדער איינער וואס האט געלערנט אמאל פילאזאפיע פון חק, פון משפט, פון law, וואס דער רמב"ם פארשטייט אז די תורה איז א חק, יא? ס'איז שריעה. דער רמב"ם רופט די תורה חוקים.

**ר' יואל אשר:** חקת משפט האט דאך דער רמב"ם...

**ר' יצחק:** דער רמב"ם אין אויף אראביש שרייבט אלעמאל שריעה שלנו. שריעה ווייסט יעדער איינער אויף אראביש, ס'מיינט נישט... שריעה טייטשט א הלכה אויף אראביש פשוט, א געזעץ.

**ר' יואל אשר:** חקת משפט האבן אונז נעכטן געלערנט.

**ר' יצחק:** יא, דאס איז הלמד, א טייל פונעם. יעדער איינער וואס ווייסט די פילאזאפיע פון דעם ווייסט, אז Plato און אריסטו, וואס דער רמב"ם איז געווען א גרויסע fan פון זיי, האבן שוין געזאגט,

און זיי זענען געדעכט, אז ס'איז נישט שייך צו שרייבן כללים, חוקים, וואס זענען cover'ן יעדע detail.

פארוואס? ווייל די reality איז אז די וועלט איז זייער קאמפליצירט. יעדע חתונה, זאגסט דא כללים פון חתונה, יעדער מענטש איז אנדערש, יעדע שטאט איז אנדערש, יעדע לאנד איז אנדערש, יעדע פלאץ איז אנדערש, יעדע צייט איז אנדערש. און ווען ס'קומט א שאלה פאר א רב א דין תורה, דארף מען אלעמאל א שיקול הדעת פון די חכם, די מורה הוראה פון דער צייט, צו זאגן די הלכה.

און פארקערט, וויפיל מ'מאכט מער detailed הלכות, ווערט עס ערגער, ווייל מ'ווערט stuck. דער רב קען נישט טוישן, ווייל ער מוז דאך טון פונקטליך וואס דא שטייט, אז נישט ווערט דאך אויס געזעצן, קען דאך נישט זיין חוקה אחת יהיה לכם.

און וועגן דעם Plato ממש, אין געוויסע פון זיינע פלעצער, און אריסטו אויך, האבן געזאגט אז מ'זאל נישט מאכן קיין געזעצן, מ'זאל מאכן כללות'דיגע געזעצן, לא תגנוב, אפשר אביסל מער details, אבער נישט די level פון particulars, פון details, פון פרטים, וואס אונז רופן פרטים, וואס טוט מען אין אזא טאג? נישטא אזעלכע געזעצן, ווייל ס'איז נישט מעגליך ס'זאל זיין אזעלכע געזעצן. ס'איז מעגליך אבער ס'וועט מאכן ערגער instead פון בעסער.

**די קשיא אויף אונזער תורה**

איז דא דא א קשיא: אונזער תורה, די משנה, די גמרא, איז פול מיט אזעלכע געזעצן. ס'איז כמעט נישט דא קיין כללות'דיגע געזעצן, כ'מיין ס'איז דא, אבער ס'איז אסאך מאל... פארקערט, די כללים לערנט מען געוויינליך ארויס פון די פרטים. Right.

אבער יעדער איינער וואס לערנט די סוגיא און לערנט טעמי המצוות, דער רמב"ם'ס מושג פון אידישע געזעצן, דארף מען פרעגן די קשיא, און ס'איז מיר א פלא כמעט אז דער רמב"ם איז נישט קיינמאל... ער רעדט וועגן דעם, ער זאגט עפעס א תירוץ, אבער ס'איז מיר זייער פאני אז ער רעדט נישט קלאר פון די שאלה. ס'איז א גרויסע שאלה, ווייל יעדער איינער וואס ווייסט, יעדער איינער וואס איז א איד היינט, ווערט סטאק מיט די פראבלעם. ס'איז דא א סאך פרטים וואס שטימען נישט היינט, לויט די מציאות האט זיך געטוישט, און מ'ווייסט נישט וואס צו טון.

און פון דעם האט אריסטו גערדעט, אז פארדעם איז א גוטע געזעץ, איז נישט א געזעץ וואס גייט אריין אין די דיטעילס, א גוטע געזעץ לאזט פאר די חכמי הדורות זאלן מחליט זיין וואס מ'דארף טון.

**דער רמב"ם'ס תירוץ: דער עיקר חיובי ההלכה איז נאר באופן כללי**

סאו איך מיין אז דער תירוץ איז, אז דער רמב"ם האט פארשטאנען אמת'דיג אז ס'איז אינהכינמי. ער זאגט עס קיינמאל נישט קלאר. סאו, אין הלכות... וואס הייסט עס? הלכות ממרים, און אין די הקדמה צו פירוש המשניות איז די קלארסטע פלאץ וואס ס'שטייט, מיינעך, וואס איך פארשטיי.

אבער איך מיין אז דער רמב"ם האט טאקע פארשטאנען אז ס'איז אינהכינמי. דער עיקר חיובי ההלכה איז נאר באופן כללי, און אפילו א פרט וואס שטייט אין די משנה איז דאך נאר לויט דעמאלטס, היינט קען זיין אביסל אנדערש.

**עת לעשות לה' הפרו תורתך**

און זיכער, און דער רמב"ם אפילו ער לייגט אראפ אין הלכות ממרים אז די עיקר דזשאב פון א רב, פון די חכמי הדורות, איז צו טון "עת לעשות לה' הפרו תורתך". דאס הייסט צו וויסן ווען מ'דארף ענפארסן א הלכה און ווען נישט. דו קענסט עס רופן ער טוישט נישט די הלכה חס ושלום, אבער מ'ענפארסט נישט די הלכה. פאר וואס? טאקע ווייל ס'איז דא א חילוק, ס'איז נישט לטובה אין די סיטואציע.

**ר' יואל אשר:** און פארדעם פארשטייט מען פאר וואס דער רמב"ם איז אזוי פיל ביזי מיט "לא תסיפו" און "לא תגרעו", ווייל דאס איז די דזשאב פון א רב, "עת לעשות לה'", דארפסטו זייער אכטונג געבן אויף "לא תסיפו" און "לא תגרעו".

**ר' יצחק:** דאס זאגט ער בפירוש אין חלק ב' פרק מ"א מ"ב מיינעך, אז בפירוש, אז דו רופסט... פאר וואס ס'איז דא "לא תסיפו" און "לא תגרעו"? וויבאלד אז די עיקר תפקיד פון די חכמי הדורות איז צו זאגן אז דא יא דא נישט, וועלן מענטשן מיינען אז ס'איז פורים. ממילא זאגט מען אלעמאל: "ניין, די געזעץ בלייבט כחוקה אחת לנצח נצחים". היינט, בזמן הזה, לפי הענין, פארקערט.

**הוראת שעה: א מחלוקת מיט נפש החיים און תניא**

דו קענסט זייער גוט פארשטיין די הלכה וואס דער רמב"ם זאגט אז א הוראת שעה... און איך מיין אז דער רמב"ם האלט, איך מיין אז די הלכה איז אזוי, הוראת שעה אין נפש החיים ווייס איך שטייט אנדערש, אבער איך מיין אז ער איז ראנג. איך מאך פאליטיק מיט די ליטוויקעס דא אויס. אויך אין תניא שטייט אנדערש און ער איז אויך ראנג.

און די אחרונים זאגן אז הוראת שעה איז נאר געווען נוגע ווען ס'איז געווען נבואה אדער פאר די סקוואד תורה, די תורה מאכט יא געזעצן. איך מיין אז ס'איז נישט ריכטיג. ס'איז דא א הלכה פון הוראת שעה. א בית דין, מ'דארף נישט קיין נביא אויף דעם. א נביא קען עס אויך טון, אבער א בית דין קען עס טון.

יעדער בית דין קען זאגן מ'זאל עובר זיין על התורה, אבער, זאגט דער רמב"ם, טארסט נישט זאגן אז ס'איז אן אייביגע געזעץ, דו מוזט זאגן אז די תורה איז אייביג, נאר איך זאג אז היינט לוינט זיך נישט צו מקיים זיין די מצוה אדער צו טון די עבירה אדער צו טוישן אביסל וכו'.

פארוואס? וויאזוי קען ער דאס זאגן? קודם כל, אזוי היטסטו, דו ביסט מקיים שניהם, יא? סיי דער עולם נעמט ערנסט אז ס'איז דא א געזעץ, דער אייבערשטער האט עס געגעבן, און ס'איז... און סיי די פרטיש'דיגע זאך.

אבער דו קענסט פארשטיין טיפער, ווייל מיט דעם איז מען מקיים אויך דער ענין אז ס'איז נישט גוט צו האבן אן אייביגע געזעץ. שטעל דיר פאר, מען מאכט א תקנה און מען זאגט ס'מוז אזוי זיין, מארגן וועט נישט מוזן אזוי זיין. סאו, ס'איז נישט ריכטיג. ס'איז וויכטיג אז ס'זאל זיין אן איידיע פון אן אייביגע געזעץ, אבער ס'איז וויכטיג ס'זאל נישט זיין למעשה די געזעץ.

### דיסקוסיע: הוראת שעה vs. שינוי המציאות

**ר' יואל אשר:** איך מיין ווען דער רמב"ם רעדט פון הוראת שעה, און פארדעם קומט דער נפש החיים, ער דערמאנט דארטן אליהו בהר הכרמל, אז מ'מעג, אז אין אזא פאל מעג מען יא דינען עבודה זרה. דא איז דאך זייער אן אנדערע מין זאך. דא איז פארשטיין, ווען די תורה רעדט פון עפעס, לויט די היינטיגע מציאות, וויאזוי זענען מיר אונז יוצא די ווערטער פון די תורה? ווייל די תורה וויל דאך נישט זאלסט געבן חמשים זוז. די תורה וויל אז דו זאלסט איר מאכן צופרידנשטעלן מיט אירע וועש.

**ר' יצחק:** רייט, אבער אין די ברייטערע סענס, קענסטו פארשטיין אז אליהו בהר הכרמל פארשטייט אז די תורה זאגט נישט אז מ'זאל נישט מאכן א במה, נאר כדי ס'זאל ווערן עבודת השם.

**ר' יואל אשר:** אויב דאס גייט טון די עפעס, ס'איז אויך דא עפעס א געוויסע סברא דערין.

### וויאזוי ניצט מען דעם רמב"ם'ס ספר?

**ר' יואל אשר:** אקעי, סאו זאגסטו אז דער רמב"ם'ס ספר איז געמאכט געווארן פאר אלע אידן זאלן וויסן אלעס וואס שטייט אין תורה שבעל פה, אבער אויך איז עס געמאכט געווארן אז דער דיין זאל קענען פסק'ענען פאר אידן, ווייל דער איד אליין גייט נישט קענען פון דא נאך נעמען א הנהגה.

**ר' יצחק:** איך מיין אז יעדער איד דארף אויך זיין א שטיקל דיין, ס'איז נישט נוגע.

**ר' יואל אשר:** אידן פרעגן יעדע שאלה אין

**ר' יצחק:** הלכות שבת פאר דעם רב.

**ר' יואל אשר:** אמת. איך מיין, אבער אמאל... וועלן פרעגן, איז אויכעט וויכטיג פאר די דיין, ווייל די דיין זאל יעצט וויסן פון ווי מען קומט אזוי ווי. ער זאל וויסן די, למשל, א דיין קען דא מאכן א חשבון אז אפילו אויב ס'קומט אויס אסאך געלט פטר'ט דאס נאכנישט, ווייל ער וועט אויסרעכענען וויפיל חמישים זוז איז, אזא מין זאך.

### פארוואס שרייבט דער רמב"ם דיטעילס און נישט נאר כללים?

**ר' יצחק:** סאו, ס'בלייבט נאך אלס א שאלה. איך האב געטראכט א שטיקל תירוץ לעצטנס, היינט. ס'בלייבט נאך אלס א שאלה, אז אויב איך זאג אז מ'פסק'נט נישט מילה במילה פון די רמב"ם, מ'ניצט עס נאר, קודם כל ס'איז נישט נאר א, דרך אגב, הלכות אישות איז נאר פאר דיינים וואס מ'האט גערעדט אינעם ספר נשים, אבער הלכות שבת איז פאר יעדע איד זאל לערנען רמב"ם, אבער פרעגט, ווערט נאך אלס א שאלה, פארוואס זאגט נישט דער רמב"ם נאר די למדות? פארוואס זאגט ער די דיטעילס?

דאס איז א גוטע שאלה אמת'דיג. ר' חסדאי קרעשקאש האט אטאקירט דעם רמב"ם פאר דעם, און ער האט א פוינט. מ'קען נישט אוועקמאכן פון די גדולי אחרוני הראשונים וואס האבן טאקע געהאט די טענה אויפ'ן רמב"ם.

### הלכה איז א פראקטישע ארט: מען לערנט פון ביישפילן

אבער איך מיין אז די סברא איז אזוי: וויאזוי גייט מען אנקומען צו א געוויסן הכרעה ווי סאך געלט מען דארף געבן היינט פאר א פרוי? סאו איך מיין אז פון געבן א גאנצע סטארי, קוק, אין די זומער אזוי, אין די ווינטער אזוי, באקומסטו א בעסערע איידיע ווי צו זאגן א כלל. א כלל קען מען מפרש זיין וויאזוי מען וויל. ווען איך געב דיר א מעשה, ס'איז טאקע נישט קיין מעשה בזמן הזה, א מעשה שהיה דעמאלס, אבער דו באקומסט א בעסערע בליק.

**ר' יואל אשר:** אויב דו געבסט די בעקגראונד אז דו זאלסט פארשטיין בערך וויפיל האט א מענטש געספענדט בזמן המשנה און כדומה.

**ר' יצחק:** עפעס, איך דארף טרעפן א בעסערע ווארט פאר וואס איך טריי צו זאגן. וואס איך מיין צו זאגן איז אז וויבאלד הלכה איז א פראקטישע ארט, מ'לערנט אזוי ווי יעדע פראקטישע ארט. וויאזוי לערנט מען זיך, לאמיר זאגן, למשל איך וויל זיך לערנען צו, איך ווייס? צו בויען א הויז, יא? וויאזוי לערנט מען זיך? אלס יאנגסטער, דא א פאר כללים וואס מען דארף וויסן, אבער פון וויסן די כללים וועסטו כמעט גארנישט וויסן, דארפסט פראקטיסן, דארפסט זעהן א פאר הייזער וויאזוי מען בויט, אפילו אלטע הייזער וואס זענען נישט נוגע היינט.

## שימוש חכמים: לערנען הלכה דורך פרטים — הלכות אישות פרק יב הלכות יב-יג

### שימוש חכמים: וויאזוי לערנט מען הלכה?

**ר' יואל אשר:** געבן נישט אביסל געבן נישט צו בעקגראונד דו זאלסט פארשטיין ווען, בערך וויפיל האט א מענטש געספענד בזמן המשנה און כדומה.

**ר' יצחק:** עפעס... איך טראכט צו טרעפן א בעסערע ווארט פאר וואס איך טריי צו זאגן. וואס איך מיין צו זאגן איז, אז וויבאלד הלכה איז א פראקטישע ארט, מ'לערנט אזוי ווי יעדע פראקטישע ארט. וויאזוי לערנט מען זיך לאמיר זאגן אה איך למשל איך וויל זיך לערנען צו, איך ווייס, צו בויען א הויז, יא? וויאזוי לערנט מען זיך? עס זאגט ס'איז דא א פאר כללים וואס מ'דארף וויסן, אבער פון וויסן די כללים וועסטו כמעט גארנישט וויסן. דארפסט פראקטיסן, דארפסט זעהן א פאר הייזער וויאזוי מ'בויעט, אפילו אלטע הייזער וואס איז נישט נוגע היינט, וועסטו לערנען די טעכניק, און פראקטישע לימוד לערנט מען פון פראקטיש.

וויבאלד הלכה איז א פראקטישע זאך, מען קען עס נישט לערנען פון די כללים. די כללים איז גוט פאר די לומדים אין ישיבה צו זאגן

שיעורים. א רב, וויאזוי שימוש, דאס הייסט שימוש, יא? סאו שימוש מיינט מען זעהט אסאך קעיסעס, און לויט דעם באקומסטו א, ווי מ'זאגט, א געפיל, א שיקול הדעת וויאזוי צו טון. סאו אונז טוען יעצט שימוש חכמים. מען לערנט וואס די חכמים האבן געטון.

**ר' יואל אשר:** זייער גוט, סאו איך וויל צו אפשר איך וויל איך האלט אז דאס איז זייער גוט, ווייל, ווייל כללים איז אייביג הפשטות,

**ר' יצחק:** יא?

**פארוואס כללים ארבעטן נישט: די נויטווענדיגקייט פון פרטים**

**ר' יואל אשר:** אהמ איך בין שוין יעצט די עידזש ווי איך געב שוין עצות פאר יונגערע מענטשן, יא? און רוב מאל ארבעט עס נישט, ווייל איך האב געמאכט מיסטעיקס, יענער דארף אויך מאכן די מיסטעיקס, ווייל ער זעהט נישט די כללים. ער גייט נאר זעהן די כללים פון וואו ער טוט די פרטים. ער גייט לעבן און ער גייט מאכן מיסטעיקס. גייט ער זעהן אהה, איך האב געטון אה אזויפיל און אזויפיל מאל האב איך געטון זאכן און לאמיר זאגן ס'האט אויפגערעגט מענטשן, גיי איך יעצט וויסן אז ווען מ'טוט אזא און אזא זאך אה דארף מען זיין מער קעירפול.

וואס וואס וויל איך זאגן דא? ספעשלי דער רמב"ם, וואס דער רמב"ם זאגט כמעט קיינמאל נישט די למד'ישע כללים מופשטים. דער רמב"ם געבט דאך א באנטש פרטים, און אלע פרטים צוזאמען קומט ארויס... רייט. יא, אמת. כעס איז דאך נישט, ס'איז דאך נישטא אזא זאך וואס הייסט כעס. יעדער מענטש האט אן אנדערע מין כעס. סאו, כעס איז אייביג געשעהט נאר אין די פרטים. די ווארט כעס אלץ א מושג מופשט אז אלע מענטשן האבן די זעלבע מין זאך וואס הייסט כעס, איז א הפשטה, וואס נאכן באטראכטן אסאך מענטשן און אסאך מצבים ווייסן אונז צו פין-פוינטן דאס איז כעס. אבער די אמת'דיגע חכמה דערפון ליגט נאר אין די פרטים, און ס'איז זייער שווער איבערצוגעבן די כללים. די כללים דער מענטש וואס געבט איבער די כללים איז אייביג קאנווינסד אז יעדער איינער כאפט עס, באט פאר סאם ריזן ס'ארבעט נישט. קען ער נישט איבערגעבן כללים, קען ער איבערגעבן פרטים. אז,

**משל פון שלום בית: לערנען פון טאטע און מאמע**

**ר' יצחק:** אז שימוש חכמים מיינט... פאקט אויף ביי למשל שלום בית. די מענטשן היינט איז דא אזא נושא פון מאכן שיעורים אויף שלום בית. די עקטשועל שיעור אויף שלום בית וואס רוב מענטשן פאלגן, איז זיי האבן אויפגעוואקסן ביי טאטע און מאמע, און מער וויינינגער טוען זיי נאך וואס זייער טאטע און מאמע האט געטון.

**ר' יואל אשר:** וואס מיינט דאס? טוט מען דווקא פארקערט, טוט מען נישט גוט. איך מיין צו זאגן, רחמנא ליצלן, מוז נישט טון ווי א טאטע.

**ר' יצחק:** נא, ביי דע וועי, ס'קומט אויס בערך וואס דיין טאטע האט געטון עניוועי. ווייל דאס איז דעם אימעדזש. יעצט, וועסט פרעגן וועלכע כללים האסטו געלערנט פון דיין טאטע? איך האב נישט קיין אנונג. אבער דו האסט געזען וויאזוי מ'לעבט א לעבן.

מ'שלאגט זיך, מ'געבט זיך אן עצה, מ'העלפט זיך איינער דעם אנדערן, וואטעווער ס'איז, מיט די פעטערנס, יא? ס'איז יא א הפשטה וואס מ'לערנט, ס'איז נישט א דיטעיל וואס מ'לערנט. אבער די וועג וואס מ'לערנט די כלל, יא? ווייל מיין לעבן איז נישט פונקט דאס זעלבע ווי מיין טאטע. איך לעב אין אביסל אן אנדערע דור, אן אנדערע מציאות. אבער וואס איך לערן איז א מדה, קענסטו זאגן, רייט? א געוויסע דבר מופשט. אבער נישט מ'קען לערנען דבר מופשט דירעקט, און נישט מ'קען לערנען די מעשיות איטש מעשה, שטימט? אבער פון די מעשיות, פון לעבן א לעבן, כאפט מען דאס.

**נפקא מינה: לערנען משניות און רמב"ם**

סאו איך מיין אז מ'לערנט משניות, רמב"ם, וואס דו באקומסט ס'איז אסאך ווייניגער ווי עקטשועל שימוש, יא? ס'איז נאך אלץ נאר פאר ווערטער אויף א פעידזש. אבער דו באקומסט געוויסע איידיעס וויאזוי ס'ארבעט א לעבן, און וויאזוי די חכמים קוקן אן וואס פעלט אויס, וויפיל א מאן איז שולדיג פאר א פרוי. פון דעם באקומט מען א געוויסע איידיע, נישט בתור ראיות.

**ביישפיל: באוגעבו קערידזש — וויאזוי די הלכה קוקט אן סטאטוס**

איך מיין איינער זאגן איינער פרעגט היינט א שאלה, איך מיין איך געדענק אונז האבן געלערנט אין כולל די הלכות, האבן גערעדט אזוי כאילו שאלות למעשה, יא? א מאן איז מחויב צו קויפן פאר זיין פרוי א באוגעבו קערידזש אדער נישט?

**ר' יואל אשר:** מיט'ן רכוש וואס מ'האט,

**ר' יצחק:** מיט'ן מאדע. אונז גייען לערנען אין די פרק מיט שייכות צו וואוינען. שטייט אז אויב דער מנהג אין זיין פלאץ איז מ'טוט אזוי איז ער מחויב. יעצט, איינער קען זאגן: וואס הייסט? דאס איז א גרויסע לאקשערי, ס'איז פונקט גוט די פשוט'ע קערידזש וואס קאסט א פערטל געלט? עה די בעל הבת'ישע אידן האבן דאס, סאו וואט? רייט?

מצד שני, איך ווייס נישט, איך זאג נישט יעצט הכרעה למעשה, אבער איך זאג אז ווען דו קוקסט אין הלכה זעסטו אז די הלכה רעדט בערך פון זאכן וואס זענען באוגעבו קערידזש פון זמנם. און ס'שטייט אז אויב דיין משפחה איז א בעל הבת'ישע משפחה ביסטו מחויב, זי קען דיך רופן לדין תורה זאגן, זי גייט נישט רופן דין תורה, אבער ס'מיינט צו זאגן דיין סטאטוס איז צו זיין א בעל הבת'ישער יונגערמאן, מוזטו צאלן וואס דער בעל הבת'ישער יונגערמאן צאלט. קענסט נישט זאגן ס'איז א לוקסוס, אונז קוקן אן ס'איז, די רבנים זאגן דרשות קעגן דעם. ווייסטו וואס? מאך א מענטש זאל נישט זיין בעל הבת'יש, הער איך. אבער ווי לאנג זיי זענען יא אזוי, מוזטו. דא פירט מען זיך אין מ'קויפט א קאר, דארפסטו קויפן א קאר.

יעצט, אוודאי אויף דעם קען אויך זיין שיקול הדעת ווי איין און ווי אויס, אבער ווען נישט אז ס'שטייט אין די משנה אזעלכע קעיסעס פון פונקטליך וואס דו דארפסט טון וואס נישט געקענט עכט האבן

אפילו א איידיע פון וויאזוי צו פסק'ענען, אבער ס'מיינט נישט אז כ'האב א ראיה, אויב ס'שטייט אין דער משנה אז מ'דארף צאלן פאר איר אזא און אזא זאך, קומט דאך אויס אז מ'דארף קויפן א קערידזש. ס'איז נישט קיין ראיה, ס'איז מער אזוי ווי א...

**דיסקוסיע: קען מען אויסרעכענען וויפיל חמישים זוז איז?**

**ר' יואל אשר:** יא, אקעי, למעשה לאמיר ס'לערנען. אין אונזער קעיס, וועסטו זאגן אז אויב א מענטש וויל וויסן וויפיל ער דארף ספענדן, קען ער מאכן א חשבון פון וויפיל איז דאס חמישים זוז, און ער וועט האבן פון דעם עפעס אן איידיע. סאו אויב חמישים זוז איז עקסטרימלי אסאך אדער איז עקסטרימלי ווייניג, אפשר ביסטו גערעכט. אבער אפילו דעמאלטס גייט מען דאך דארפן אויסרעכענען וויפיל עס איז געווען קאמפערד צו דער אווראל וואס מ'האט געמאכט א חודש.

**ר' יצחק:** אזוי ווי דו האסט געזאגט זייער גוט. היינט איז, מיין איך, בגדים אסאך ביליגער ווי ס'געווען אמאל, סאו ס'טאקע נישט שייך.

**ר' יואל אשר:** סאו יא, די אינדאסטריעל רעוואלושן האט געמאכט זאכן זאלן זיין אנדערש. סערוויסעס קאסטן מער, און חפצים ווייניגער.

**ר' יצחק:** אקעי, און עקאנאמי איז א... מ'קען עס נישט לערנען, מילא. לאמיר לערנען תורה. אקעי, שוין,

**הלכה יב: כמה הכסות שהוא חייב ליתן לה**

**ר' יואל אשר:** איז אזוי שטייט. **"כמה הכסות שהוא חייב ליתן לה"**, וויפיל דארף ער איר ספענדן אויף מלבושים? ער דארף געבן **"בגדים של חמישים זוז"**, איינמאל א... די יאר באדזשעט פאר בגדים זאל זיין חמישים זוז, **"שנמצאו החמישים שישה דינרין ורביע דינר כסף"**.

**דער סיסטעם פון בגדים: ווינטער און זומער**

זאגט יעצט דער רמב"ם אזוי, וויאזוי ארבעט דער סיסטעם? מ'גיבט עס איינמאל א יאר, אבער ס'מיינט נישט אז איינמאל א יאר איז גענוג פאר וועש, ווייל ס'איז דאך דא אויך ווינטער און זומער, און אה די ווייב קען פארלאנגען כ'וויל גיין אה... מענער האבן איין רעקל יא? אסאך מענער עט ליסט. מ'האט א רעקל, אבער פרויען הא, יעדע סיזן דארף מען האבן וועש. אבער ס'מיינט נישט פיר סיזענס א יאר, נאר צוויי סיזענס א יאר.

**ר' יצחק:** דער סדר וואס איז געווען דעמאלטס איז אזוי:

**ר' יואל אשר:** רייט, **"נותנן לה חדשים"**, דער סדר איז געווען אזוי, מ'האט געקויפט נייע וועש, ס'איז געווען העווי, ס'געווען פול מיט סחורה, לאמיר זאגן בגדי צמר, יא? ס'איז פול מיט ס'איז אה העווי. און מיט דער צייט, ווי מער מ'גייט עס, ווערט עס מער און מער אויסגע... ס'רייסט זיך אראפ שטיקלעך דערפון, ס'ווערט דינער און דינער. אין זומער ווען מ'וויל שוין גיין דינע מלבושים, קען מען גיין די זעלבע מלבושים, ווייל ס'איז שוין געווארן אויסגעוועלקט, אויסגעדינט.

סאו **"נותנן לה חדשים בימות הגשמים"**, מ'קויפט נייע וועש ימות הגשמים, ווייל דעמאלטס דארף מען ווארעם, און **"בלאיותיהן"**, די שריים דערפון, וואס איז נאך געבליבן דערפון,

**ר' יצחק:** טוט מען אן בימות החמה. די זעלבע?

**ר' יואל אשר:** פיין. יא, די זעלבע. ער מיינט דא צו זאגן אז מ'דארף נישט קויפן נייע מלבושים פאר ימות החמה. ס'איז יא גענוג אז מ'קויפט איינמאל א יאר.

**שחקים — מותר הכסות**

**ר' יצחק:** והשחקים,

**ר' יואל אשר:** דאס בלייבט איבער, אויסגעריבן.

**ר' יצחק:** דאס איז א לעוועל נאך בלאיות. דאס הייסט שחקים.

**ר' יואל אשר:** שחקים איז מלשון ראב, ניין? שוחקים יפה יפה. די אפגעריבענע וועש נאך אלעם, יא. **"והן מותר הכסות"**. אויף דא האט ער געזאגט, ווייל נעכטן האט דער רמב"ם געזאגט, וואס טוט זיך מיט מותר המזון וואס מ'האט געקויפט עסן? רייט.

**ר' יצחק:** דאס איז מותר הכסות. זיינס. אבער מותר הכסות,

**ר' יואל אשר:** מותר הכסות איז **"הרי הן שלה"**. איז אויך א טעם אויף דעם, פארוואס דארף זי שמאטעס? ווייל ס'איז אויך דא צייטן ווען מ'גייט אנגעטון שוואכערע קוואליטי מלבושים. דאס איז **"בימי נידתה"**. אזוי שטייט אין הלכות נידה אז ס'איז דא אזא זאך ווי מ'פלעגט האבן בגדים מיוחדים בימי נידתה. אבער בייסיקלי, די בײדע זאכן איז א קולא, אז דער מאן דארף נישט קויפן עקסטערע בגדי נידות און עקסטערע בגדי ימות הקיץ.

**ר' יצחק:** יא, נישט דאס איז דער סדר עפעס. יא. סתם, דאס איז געווען דער סדר, מ'איז געגאנגען אן אלטע, פארוואס דארף מען קויפן אן עקסטערע קלייד? מ'גייט אן אלטע קלייד וואס איז שוין אביסל...

**נוסף אויף בגדים: חגור, כופה, מנעל**

**ר' יואל אשר:** דאס איז די געוויינליכע קליידער וואס דעקט צו די באדי, אבער אויסער דעם, **"ונותן לה חגור למתניה"**, א גארטל, א בעלט, **"וכופה לראשה"**. כופה, אז מ'האט געהאט, ס'איז דא כופה תנור וכירים, יא? כופה איז דאך א לשון פון א סארט אויוון. ס'קען זיין אז ס'זעט אויס ענליך, אדער כ'ווייס נישט וואס די קשר איז.

**ר' יצחק:** כופה מיינט עפעס א הוט,

**ר' יואל אשר:** עפעס א שטריימל, עפעס א יו נאו, עפעס א קאלפיק. און **"מנעל"**, און שיך קויפט מען **"ממועד למועד"**. יעדע יום טוב קויפט מען א נייע שיך. נאנט. ס'טייטש אז שיך קויפט מען מער אפט ווי וועש. זעט אויס אז שיך אדער אמאל פלעגט עס ווערן מער אויסגענוצט, מער אפט אויסגענוצט, און שיך קויפט מען יא מער, א פאר מאל א יאר. ס'איז אינטערעסאנט, ווייל צווישן פסח און שבועות איז קוים צייט. מיינט מען דריי מאל א יאר?

**דיסקוסיע: וואס מיינט "ממועד למועד"?**

**ר' יצחק:** מיינט מען יעדע יום טוב? מיין אז ממועד למועד אז ס'איז א פראבלעם, ווייל ס'מיינט לכאורה אזוי ווי דו זאגסט. ער זאגט אז מ'קען פארשטיין אביסל אנדערש, מ'קען פארשטיין אז כאילו, די גמרא זאגט אז דאס רעדט זיך אז ס'ווערט אויסגענוצט שנעל. אבער מ'קען עס פארשטיין אז כאילו ער דארף איר געבן דריי מאל א יאר, און מ'גיבט שוין דריי מאל א יאר, גיבט מען פאר יום טוב. ס'איז נישט קיין דין אין הלכות יום טוב, רייט?

**ר' יואל אשר:** סאו אויבן אויף האסטו געזאגט מ'רעדט דאך דא הלכות כתובות, סאו ווי קומט דא אריין יום טוב? אבער אזוי ווי אוכל עמה מליל שבת לליל שבת האסטו געזאגט אז אן ענין פון כבוד שבת.

**ר' יצחק:** ס'איז דא צוויי, די אלע זאכן איז דא א דאפלטע, מ'כאפט שוין ביידע אריין.

**ר' יואל אשר:** ס'איז דאך דא א מצוה פון קויפן א נייע מלבוש פאר די ווייב. אבער ס'איז נישט גערעכט, ווייל אין הלכות יום טוב האט דער רמב"ם יא געזאגט מ'זאל קויפן א נייע מלבוש פאר די ווייב.

**ר' יצחק:** יא,

**ר' יואל אשר:** פארדעם זאג איך ס'מיינט בגדי צבעונין.

**דיסקוסיע: איז דא א חיוב יום טוב צו קויפן נייע בגדים?**

**ר' יצחק:** ס'קען דאך נישט זיין, וויאזוי קען זיין? ס'איז אויך חוץ פון הלכות כתובות איז דא אויך הלכות... דארף ער איר געבן נאך מער? איך בין נישט מסכים, איך האב שוין געזאגט דארט, די ווארט דו איז,

**ר' יואל אשר:** דו מיינט מ'דארף אויסשטאפירן פון קאפ ביז פיס. א נייע בגדי צבעונין מיינט עפעס א נייע שאל, א נייע טיכל,

**ר' יצחק:** עפעס א שטיקל א פיעס אויפ'ן מלבוש. איך מיין אז דאס וואס שטייט דארט מיינט נישט אז ער דארף איר קויפן פאר יום טוב, זי דארף האבן. איך בין בכלל א חולק אויף די הלכה אז מ'דארף קויפן פאר די ווייב א מתנה יום טוב. א ווייב, א מאן פרייט זיך יום טוב מיט דעם ער האט פלייש. גראדע פלייש נוצט זיך אויס, דארף ער קויפן אלעמאל ערב יום טוב נייע. א ווייב פרייט זיך אז זי טוט זיך אן שיין, דארף ער מאכן זיכער אז זי האט. אויב זי האט צו קויפן בימות הגשמים, מסתמא קומט א סעט שבת בגדים, יום טוב בגדים, וואטעווער, האט זי שוין דאס. דאס איז דאך די ווארט.

די נעלים שטייט אז וויבאלד מ'דארף מערערע סעטס אה שיך א יאר, קויפט מען שוין לכבוד יום טוב, עס וועט שוין זיין א שמחת יום טוב, אבער ס'איז נישט קיין חיוב יום טוב צו נייע בגדים.

**ר' יואל אשר:** ס'קען זיין אז מ'איז דאך געווען עולה רגל, מ'איז ארויף מיט די פיס, סא איז טאקע אן ענין פון שמחת יום טוב, ווייל יעדע מאל פאר מ'גייט ארויף קויפט מען נייע שיך, מיט די הייליגע נייע שיך ארויפגיין קיין ירושלים.

**ר' יצחק:** אבער נשים זענען פטור, ס'איז נאר יראה כל זכורך. ס'קען זיין אז זי גייט עניוועיס, אבער, אוקעי.

**ר' יואל אשר:** פרומע ווייבער פלעגן מיטקומען, יא, מ'האט מיטגענומען זיינע ווייבער,

**הלכה יג: במה דברים אמורים — באותן הימים ובארץ ישראל**

**ר' יצחק:** יא. אוקעי, במה דברים אמורים? ווען איז דער שיעור? זאגט דער רמב"ם,

**ר' יואל אשר:** דער שיעור וואס איך האב דיר געזאגט פון די אלע זאכן,

**ר' יצחק:** וויפיל געלט, וויפיל בגדים, וויפיל...

**ר' יואל אשר:** איז באותן הימים, יענע טעג, ער מיינט צו זאגן די טעג פון די משנה, ובארץ ישראל. אינטערעסאנט,

**דער רמב"ם'ס קוואליפיקאציע קומט פון דער גמרא**

**ר' יצחק:** ווייל דער רמב"ם... דאס איז אויך שוין א גמרא, דאס זאג איך דיר. דאס וואס דער רמב"ם זאגט באותן הימים איז שוין אויך א שטיקל גמרא, דער רמב"ם זאגט נישט אליינס דא. אה, אינטערעסאנט. דער רמב"ם זאגט נאך פון די גמרא.

**ר' יואל אשר:** די גמרא זאגט די ווערטער באותן הימים ובארץ ישראל?

**ר' יצחק:** נישט דער לענגווידזש, אבער יא. אה אלץ די גמרא איז שוין געווען אין בבל, און די גמרא זאגט אז ביי אונז איז אנדערש, מ'דארף נישט אזויפיל שיך, און מ'דארף נישט פונקט די עמאונט פון געלט וכו'.

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, דאס וואס איך האב דיר געגעבן דער שיעור איז א שיעור וואס איז פאר דעם זמן המשנה. אבל בשאר זמנים

**הלכות אישות פרק יב: שיעור כסות לפי מקום וזמן, כלי בית ומדור**

**הלכה יג (המשך) — כסות לפי המקום והזמן**

**ר' יואל אשר:** אינטערעסאנט, ווייל די רמב"ם דאס

**ר' יצחק:** איז אויך שוין א גמרא דאס זאג איך דיר, דאס וואס די רמב"ם זאגט באותן הימים איז אויך א שטיקל גמרא. דער רמב"ם זאגט נישט אליינס דא. א אינטערעסאנט. דער רמב"ם זאגט נאך פון דער גמרא.

**ר' יואל אשר:** די גמרא זאגט די ווערטער באותן הימים ובארץ ישראל?

**ר' יצחק:** נישט דער לענגווידזש, אבער יא. אה אלץ א גמרא איז שוין געווען אין בבל, די גמרא זאגט אז ביי אונז איז אנדערש, מען דארף נישט לבושיך, און מ'דארף נישט פונקט די עמאונט פון געלט וכדומה.

**ר' יואל אשר:** ווייל דער רמב"ם, דאס דע דאס וואס כ'האב דיר געגעבן דער שיעור איז א שיעור וואס פארלייגט בזמן המשנה. **"אבל בשאר זמנים ושאר מקומות"** איז **"אין הדמים עיקר"** קוקט מען נישט אויף די געלט, מ'קען דיר נישט געבן א געוויסע

סכום וויפיל מ'דארף ספענדן, נאר כאפ דער עיקר אן, כאפ דער פרינציפאל פון דעם, אז וואס? און ער זאגט **"יש מקומות שיהיו הבגדים שם ביוקר הרבה"**, ס'איז דא פלעצער וואו וועש איז טייער, **"או בזול הרבה"**, וואו וועש איז זייער ביליג. **"אלא העיקר שסומכין עליו"** דער עיקר וואס וואס אויף דעם דארף מען זיך אנלייגען, ס'טייטש פון דעם דארף מען זיך אויף אויפפירן, אזוי דארף מען פסק'ענען איז אז וואס? **"שמחייבין אותו ליתן לה בגדים הראויים**

**ר' יצחק: לימות הגשמים ולימות החמה.**

**ר' יואל אשר: בפחות"** ביי די לעסטע, אמווייניגסטנס נישט נישט ווייניגער, **"שלובשת כל אשה בעלת בית שם באותה המדינה"**. אזוי אזוי וויפיל א אשה בעלת בית ספענדט אין יענע לאנד.

ס'זעט דא אויס אז מיידלעך האט מען נישט געספענדט אזויפיל אויף וועש. איינמאל א פרוי איז א א גבירה, גבירת הבית, בעלת הבית,

**ר' יצחק:** א באלעבוסטע האט מען געקויפט בעסערע מלבושים,

**ר' יואל אשר:** סא לויט וואס די סטענדערד אלס באלעבוסטעס דארף מען האבן אזויפיל שטעלט מען צו. אלרייט,

**דיסקוסיע: קען מען זאגן אז היינטיגע סטענדערדס זענען משוגע?**

**ר' יצחק:** גוט. זאגט דער רמב"ם, וואלסטו געמיינט אז כסות מיינט נאר קליידער? ניין, אז ס'שטייט כסות מיינט עס נאך מער.

**ר' יואל אשר:** כ'זאג פשט כ'האלט נאך אלץ אביסל נאכדעם וואס דער רמב"ם האט דאס געזאגט טראכט איך צו, נאכדעם קען מען נאך יעצט גיין בעקווארדס און זיי קוקן וויפיל ס'איז געווען אין די משנה. ווייל למשל, ס'וועט קומען א מאן און זאגן אז היינט איז משוגע די סטענדערדס, פרויען גייען יעדע זונטיג שאפינג, א אקעי, דאס דאס אז מ'דארף נאר איינמאל א יאר בלייבט ווייטער די הלכה. די הלכה גייט זיך נישט טוישן אז מען דארף קויפן יעדע פאר וואכן נייע וועש ווייל ווייל דאס איז די סטענדערד אין דער שטאט.

**ר' יצחק:** ניין, בפחות, אויב די ווי אויב די ארימסטע פרוי אין דער שטאט. דא רעדט מען ביי עניות, באלד האלט מען רעדן ביי גביר right? אבער אויב איינער האט נישט אמ איבריגע געלט א האט

**ר' יואל אשר:** נישט קיין העכערע סטענדערד פערסאנעלי,

**ר' יצחק:** די ביליגסטע פון דער שטאט. אקעי. באותה המדינה, מדינה מיינט א שטאט.

**ר' יואל אשר:** ניין, איך זאג, דאס אז מ'קויפט עס איינמאל א יאר, אפשר איז דאס יא א סטענדערד פאר אייביג?

**ר' יצחק:** זאלסט וויסן? ניין. ניין, פארקערט. דער רמב"ם זאגט אז, זעסטו פון די הלכה סך הכל אז מ'דארף האבן, פארקערט, אזוי ווי דו האסט געזאגט גוט פריער, איך מיין אז דו האסט געזאגט קודם א הקדמה, נאכדעם האסטו געכאפט אז דו ביסט נישט גערעכט, איך מיין אז דו ביסט יא גערעכט. דו האסט געזאגט אז פרויען דארפן יעדע סיזן קליידער, אבער מ'דארף נישט, שטעלט זיך אויס פארקערט. אין ארץ ישראל דער מנהג איז געווען אז מ'דארף זומערדיגע קליידער ווינטערדיגע, אבער מ'קען ניצן די זעלבע. טאמער אין אמעריקע דארף מען ווינטערדיגע און זומערדיגע, אבער מ'קען נישט ניצן די בלאיות,

**ר' יואל אשר:** דארף ער יא קויפן עקסטערע פאר יעדע סיזן. אה, אה, רייט, שכח. רייט. מאכט סענס, ווייל למשל, ווינטער אין ארץ ישראל איז נישט אזוי קאלט, סאו דארף מען אביסלווארעמער, אבער מ'דארף האבן א קאוט, קען נישט גיין שבת מיט א אויסגעריבענע קאוט,

**ר' יצחק:** און איז נישט קיין זומער מלבושים.

**ר' יואל אשר:** יא? אקעי. רייט. עקזעקטלי.

**הלכה יד — ובכלל הכסות: כלי בית ומדור**

**ר' יואל אשר:** שיין, זאגט דער רמב"ם ווייטער: דאס איז כסות וואס טייטשט וועש. אבער **ובכלל הכסות** איז דא נאך זאכן וואס איז טייטשט נישט וועש, אבער ס'איז בגדר כסות. **שהוא חייב לה.** וואס איז דאס? וואס איז דאס? **כלי בית**, שטוב געצייג, אפלייענסעס, אזעלכע זאכן, שטוב געצייג. **ומדור שיושבת בו**, און די הויז וואו זי וואוינט.

**ר' יצחק:** כלי בית, ס'הייסט. און די שטוב אליין. יא. אפשר מדור מיינט א צימער,

**ר' יואל אשר:** אדער א גאנצע שטוב? יא, ער גייט שוין זאגן. מ'דארף דינגען א דירה, אפילו נישט קויפן א דירה, נאר דינגען א פלאץ צו וואוינען.

אינטערעסאנט, ווייל מדור איז מן הסתם אסאך טייערער, עט ליסט אין אונזערע השגות, מדור איז אסאך טייערער ווי די כסות, אבער א כסות דארף מען... אקעי, נישט קיין חילוק, שוין.

**וואס זענען די כלי הבית?**

**ר' יואל אשר:** אקעי, סאו **ומה הן כלי הבית?** וואסערע כלי הבית דארף דער מאן צושטעלן פאר די פרוי? **מיטה מוצעת**, א בעט וואס איז איבערגעצויגן. דאס הייסט, נישט א טרוקענע בעט, נאר א בעט מיט בעט געוואנט,

**ר' יצחק:** יא? לכאורה. מיטה אפשר מיינט וואו מ'זיצט, מ'פלעגט דאך זיצן דעמאלטס דערויף,

**ר' יואל אשר:** יא? אקעי, **ומפץ, מממ. או מחצלת**, טייטשט ס'איז נאך כלי המיטה, לאמיר זאגן א מאדראץ, א זאך וואס מ'זיצט אויף דעם. א זאך וואס מ'זיצט דערויף. **לישב עליה**, יא. יא. מממ. ווייטער,

**ר' יצחק:** וואס נאך? דאס הייסט, מ'פלעגט זיצן אדער אויף א בעט ביי די סעודה, אדער אויף די פלאר. אבער אויף די פלאר זיצט מען נישט דירעקט אויף די פלאר, מ'זיצט אויף אזא מפץ א מחצלת, פארשידענע סארט אויף אזא מעט, מ'זיצט אויף. אזוי א מעט, עקזעקטלי, יא. א חוץ פון דעם, יא?

**ר' יואל אשר:** און כלי, **וכלי אכילה ושתייה**, מממ. יא. **כגון קדירה**, טעפ צו קאכן, **וקערה וכוס ובקבוק**, עסצייג. "בקבוק" און "באטעלעך", **"וכיוצא בהן"**, זאכן וואס מ'דארף האבן אין שטוב.

**ר' יצחק:** דאס איז די כלי בית, יא? **"והמדור"**.

**דיסקוסיע: פון וואו ווייסט מען אז מ'דארף צושטעלן א מדור?**

**ר' יואל אשר:** יא, פון וואו ווייסט מען דאס אז מען דארף אויך קויפן מדור? ס'טייטש ער לייגט עס אריין אונטער די גדר כסות, אז ווען די תורה האט געזאגט "כסות" האט ער געמיינט אויך א דאך איבערן קאפ. ס'קען זיין אז דאך איז אזוי ווי א גרעסערע מלבוש. ס'איז דא די מלבוש אויף די גוף, און א דאך איבערן קאפ איז אויך צו באדעקן דעם מענטש, זאל נישט זיין,

**ר' יצחק:** זיך נישט טרעפן עקספאזד. ער ברענגט פון די קרית ספר, די מהר"י בן חביב, אז ס'שטייט א פסוק "אם בית אשה נדרה", אויב זי האט געמאכט א נדר אין די "בית אשה", זעט אויס אז א פרוי וואוינט אין די בעל'ס הויז, א מפורש'ע פסוק, דארף ער צאלן דערפאר, דאס הייסט אז זי האט א הויז.

אבער סיריעסלי, דו האסט א הוה אמינא מ'דארף נישט צושטעלן וואו צו וואוינען? אה, גוט, אבער... פארוואס פונקט בכלל כסות? ס'איז די ענגסטע זאך צו כסות. ס'מוז זיין דאורייתא. ס'קען נישט זיין אז מדאורייתא דארף ער נאר געבן א קלייד און זי זאל וואוינען אין די בארג. איך מיין וואס... טאקע אינטערעסאנט.

**ר' יואל אשר:** און מ'דארף טראכטן, למשל, אויב ער האט א הויז, דארף ער דאך נישט צושטעלן אן עקסטערע הויז, ער וואוינט אין זיין הויז.

**ר' יצחק:** מ'רעדט דאך דא למשל אפילו נישט...

**ר' יואל אשר:** אפילו אויב נישט. יא.

**ר' יצחק:** אקעי. נישט קלאר.

**ר' יואל אשר:** איך מיין איינער פון די מפרשים האט געזאגט אז "עונה" מיינט א הויז, ניין? "מעונה", ניין?

**ר' יצחק:** יא, ס'איז געווען אפשר אזא טייטש. אקעי, ער איז געבויט אויף די טייטש.

**ר' יואל אשר:** און דער רמב"ם האט דאך נישט אנגענומען אזוי, דער רמב"ם האט געזאגט "בכלל הכסות".

**דיסקוסיע: דער מקור פון שאר כסות ועונה אין דער תורה**

**ר' יצחק:** אבער געדענקסט אז... אקעי, איך ווייס נישט אויב דאס איז נוגע, אבער געדענקסט אז אין די תורה שטייט נישט אמת'דיג אז מ'דארף געבן "שארה כסותה ועונתה" פאר א פרוי. אין די תורה שטייט אז אפילו ווען מ'נעמט א צווייטע פרוי אויף די אמה, זאל מען אויך נישט

**ר' יואל אשר:** פארגעסן וויניגער ווי דו געסט פאר יעדע פרוי.

**ר' יצחק:** איז דאך פשט אז דאס אז מ'דארף געבן "שארה כסותה ועונתה" לכתחילה, דאס האט מען געוואוסט פאר...

**ר' יואל אשר:** דאס איז פשוט. אפילו פאר א פרוי וואס דו מיינסט אז זי האט קלענערע סטאנדארטס, זאלסטו אויך געבן.

**ר' יצחק:** דאס קומט זיך פאר א נארמאלע פרוי. יא. על כל פנים, ס'קען זיין אז דאס איז פשוט, אז ס'מיינט אז ער דארף געבן די נארמאלע זאכן וואס א פרוי געהערט.

ביי די ווע', וואס איז א חילוק צו ס'איז "שארה" אדער "כסותה" אדער "עונתה"?

**ר' יואל אשר:** ס'מיינט נישט קיין חילוק אויף

**ר' יצחק:** וועלכע קעריער ווי ס'שטייט. די גאנצע ליסט איז א... ס'איז נישט אז די תורה זאגט אז דאס איז אנדערש ווי דאס. די תורה זאגט, גיב איר וואס א פרוי דארף. אקעי. **"והמדור"**, וואס איז דער שיעור מדור? יא?

**דריי קאטעגאריעס: שאר, כסות, עונה**

**ר' יואל אשר:** ס'קען זיין אז ס'זענען דריי קאטעגאריעס פון זאכן: שאר דארף מען קויפן יעדן טאג נייע עסן, עסן נוצט זיך אויס. מ'קען נישט קויפן, מ'קען נישט עסן אויף די יאר, עסן איז אויף די טאג.

**ר' יצחק:** פאר דריי חדשים האבן מיר עס געלערנט איינער האט א מניח ביתא ריקן.

**ר' יואל אשר:** אקעי. סאו נאכדעם, כסות איז די אלע זאכן וואס מ'קויפט אמאל ביז ס'ווערט אויסגע... ביז ס'ווערט אויסגענוצט, און עונה איז שוין א פיזישע זאך צווישן דעם מאן און דער פרוי. אקעי. סאו אזוי מ'לייגט מען אריין די אלע זאכן אונטער כסות, וואס האט מען יא אריינגעלייגט אונטער שאר?

**ר' יצחק:** א לאנג טורם פורטשעס,

**ר' יואל אשר:** יא, מ'קויפט איינמאל ביז ס'איז געווארן צובראכן.

**ר' יצחק:** און שאר האט מען טאקע אריינגעלייגט די טאשנגעלט אז זי דארף גיין אין מרחץ.

**ר' יואל אשר:** א, די טאשנגעלט איז אויך עפעס וואס מ'נוצט אויס. סאו שאר איז עפעס וואס דער מאן דארף יעדן טאג פרעגן זיין ווייב, האסטו שאר? אדער יעדע וואך לאמיר זאגן. שבת צו שבת. און כסות איז ווען ס'ווערט צובראכן די טאפ דארף מען קויפן א נייע טאפ, אבער ס'איז א מער איינמאליגע עקספענסעס, אדער איינמאל אין א לענגערע צייט עקספענסעס.

**שיעור המדור**

**ר' יואל אשר:** אקעי. און וואס איז דער מדור? **ששוכר לה**, ער דארף איר דינגען. סתם עטליסט דינגען, ס'טייטש אויב קויפט ער איז דאך זיכער גוט. אבער ער דארף איר עטליסט דינגען **"בית של ארבע אמות על ארבע אמות"** א צימער פון ארבע אמות על ארבע אמות.

איך מיין פאר איר. ס'טייטש אויב זיי וואוינען צוזאמען, דארף ער האבן ארבע אמות און זי האבן ארבע אמות. זי זאל האבן איר אייגענע ארבע אמות. ווייל אונז האבן דאך געלערנט אזוי, אין הלכות שבת, ארבע אמות איז מקומו של אדם, זי זאל האבן א

באקוועמען פלאץ, זי זאל נישט זיין צוזאמגעקוועטשט מיט אים א גאנצע צייט. זי זאל האבן איר אייגנע. אויב קויפט ער א הויז, זאל זיין פאר יעדן איינעם פון זיי ד' אמות.

**ר' יצחק:** זעסטו דאך נישט אזוי דער מנהג.

**ר' יואל אשר:** ווייל אונזערע הייזער זענען גרעסער ווי ד' על ד' אמות.

**ר' יצחק:** ניין, אבער אויב זי האט נישט קיין עקסטרע בעדרום מיט אן עקסטרע... זי שלאפט אין די זעלבע ד' על ד' אמות פון אים.

**ר' יואל אשר:** ווייל ס'איז מער ווי ד' על ד' אמות. דאס זעט אויס אזוי ווי א מינימום. לאמיר זאגן אז ער איז דער ארימאן,

**ר' יצחק:** ער וואוינט אין די וועלדער,

**ר' יואל אשר:** אויב האט ער נאר א קליינטשיק הויז פון ד' על ד' אמות, קען ער נישט צווינגען זי אריינצוקוועטשן אין די זעלבע הויז. ער דארף איר דינגען א הויז פון ד' על ד' אמות.

**ר' יצחק:** איך ווייס נישט אויב ס'שטייט דאס, אפשר סתם ס'איז פאר ביידע א הויז.

**ר' יואל אשר:** יא, אבער אפילו וויניגער ווי אזוי הייסט א דירה סרוחה. בקיצור, ס'דארף זיין א דירה ראויה. איך מיין יא ס'קומט איר, ששוכר לה, זי האט די רשות צו האבן איר אייגענע ד' על ד'. מ'וועט שוין זען אז זי זאל האבן איר אייגענע בית הכיסא. יא, איר אייגענע? ניין, ס'איז דאך דא א בית הכיסא ביי די עק פון די שטעטל.

**דיסקוסיע: דער קאנטעקסט פון די הלכות — ווען דער מאן וואוינט נישט מיט דער פרוי**

**ר' יצחק:** ניין, ס'שטייט זיין אייגענע, אבער איך מיין אז די הלכה

**ר' יואל אשר:** איז גערעדט ווען א

**ר' יצחק:** מענטש האט א פאר ווייבער למשל,

**ר' יואל אשר:** אדער ס'גייט אריין אפילו א

**ר' יצחק:** מענטש וואוינט צוזאמען מיט א ווייב: איך וויל נישט גיין. הלכות. איבעיא דא קא אויף איר, די אלע הלכות איז עפעס געפרעימד אין א סיטואציע וואס ער האט א ווייב, ער גייט קומען איינמאל א וואך, גיי ווייס וואו ער וואוינט,

**ר' יואל אשר:** ער וואוינט ביי די אנדערע ווייב,

**ר' יצחק:** סא, אזויווי יעקב האט געהאט אהל אהל פאר רחל אהל פאר לאה און. יא. אדער אזוי ווי די מקור פון כסות ועונה. ער וואוינט מיט אה מיט די נייע פרוי, אחרת יקח לו, ער האט דאך א די אמה נעבעך. סאו זי דארף האבן א א הויז. זי וואוינט נישט אין זיין הויז.

אויב זי וואוינט אין זיין הויז, אוודאי דארף זיין הויז דארף אויך אינקלודן, איך בין מסכים אז זיין הויז דארף האבן א בית הכסא וכו', ווייל דאס איז א פארט וואס ער דארף צושטעלן פאר זיין ווייב, אבער ער מעג אויך וואוינען דארט, נישט אזוי? געווענליך א ווייב וואוינט, א נארמאלע ווייב וואוינט צוזאמען מיט אירע מאן. אפשר נישט? אפשר דער סדר געווען דעמאלטס אז?

**ר' יואל אשר:** גערעכט, די אלע הלכות איז אויך דער ואוכל עמה מלילי שבת, קען אויך מיינען דאס,

**ר' יצחק:** אז ווען א מענטש וואוינט אין א הויז, איז ער דאך דארטן אייביג,

**ר' יואל אשר:** אבער, אפילו באופן ווען ער האט א ווייב דארף, איך מיין אז ס'איז פשוט, ווייל אויב א אופן וואס ער וואוינט מיט איר איז דאך נישט קיין שאלה.

מאכט אסאך סענס, ווייל מ'רעדט דאך נישט דא פון א מענטש זאל באדזשעטן וויפיל ער ספענדט פאר לעבן. דאס איז דאך, דאס איז דאך פשוט, נאר מ'רעדט דאך דא וויפיל ער זאל צושטעלן פאר די ווייב. ווען ער וואוינט נישט אין יענע הויז און ער שטעלט איר צו, דארף ער איר דינגען א בית של ארבע אמות על ארבע אמות.

**חצר ובית הכסא**

**ר' יואל אשר:** און גאנץ באלעבאטיש, **ותהיה רחבה חוצה לו,** ער דארף איר אויך צושטעלן א שטיקל א חצר אינפראנט פון די הויז, א פאורטש, א חצר, **כדי להשתמש בה,** כדי זיך צו קענען ניצן.

**ר' יצחק:** יא, אמאל דער סדר געווען אז מ'איז נישט געזעצן אינדערהיים,

**ר' יואל אשר:** דאס חצר האט געהייסן דער החיים אין אלע ענינים, און תשמישים געווען אין די חצר. מ'המ. **ויהיה לו בית הכיסא חוץ ממנו.** אינדרויסן פון די שטוב זאל זיין א בית הכיסא. מ'המ. יא? חוץ ממנו מיינט דאס? זאל זיין אינדרויסן פון די שטוב?

**ר' יצחק:** יא.

**ר' יואל אשר:** נישט אינעווייניג? וואס איז ער, פארוואס איז ער מדקדק

## הלכות אישות — מדור, תכשיטים, הכל לפי עשרו, וכסות לקטנים

### מדור — רחבה חוצה לו ובית הכיסא

**ר' יואל אשר:** ותהיה רחבה חוצה לו, ער דארף איר אויך צושטעלן א שטיקל א חצר אין פראנט פון די הויז, א פארטש, א חצר, כדי להשתמש בו, כדי זיך צו קענען נוצן.

**ר' יצחק:** יא, אמאל דער סדר געווען אז מ'האט נישט געזעצט אין דערהיים,

**ר' יואל אשר:** די חפצים, די רוב חיים און תשמישים געווען אין די חצר. ויהיה לו בית הכיסא חוץ ממנו. אינדרויסן פון די שטוב זאל זיין א בית הכיסא. יא? חוץ ממנו מיינט דאס, ס'זאל זיין אינדרויסן פון די שטוב?

**ר' יצחק:** יא.

**ר' יואל אשר:** נישט אינעווייניג. פארוואס איז ער מדקדק אויף דיווארט חוץ ממנו?

**ר' יצחק:** איך מיין אז ווי דו זאגסט, ס'זאל זיין דארט נאנט, נישט צו ווייט, און אויך נישט אינעווייניג. די בית כיסא איז אין די חצר.

**ר' יואל אשר:** סמוך לשולחנו איז א לאקשערי, אבער עטליסט אין לעבן די הויז עפעס זאל זיין א... אקעי.

**שאלה: איינער וואס וואוינט אין א בעיסמענט אן א רחבה**

**ר' יואל אשר:** סאו איינער וואס וואוינט אין א בעיסמענט מיט זיין ווייב און האט נישט קיין רחבה חוצה לו?

**ר' יצחק:** ניין, היינטיגע צייטן איז דאך נישט די מנהג צו האבן א רחבה בכלל. היינטיגע צייטן טוט מען רוב ארבעט אינדערהיים. דעמאלטס א רחבה דארט האט מען געוואשן די וועש,

**ר' יואל אשר:** דארט האט מען געבאקן, געקאכט. אבער יעדער איינער ענדזשויט צו האבן א שטיקל א פארטש אדער עפעס א שטיקל א בעקיארד.

**ר' יצחק:** יא, אבער נישט דאס איז די הלכה. רחבה מיינט להשתמש בה. אזוי מיין איך.

**ר' יואל אשר:** יא.

**תכשיטים — אונטער דער קאטעגאריע כסות**

**ר' יואל אשר:** שוין, זאגט דער רמב"ם ווייטער: וכן,

**ר' יצחק:** עד כאן הלכות כסות. יעצט, חוץ פון כסות,

**ר' יואל אשר:** קומט צו, ניין, יעצט איז גוט אין כסות. יא,

**ר' יצחק:** כסות מיינט וועש, אבער... כסות, מדור, און א דריטע זאך,

**ר' יואל אשר:** ס'איז א דריטע לעוועל. כסות איז בעיסיק, א מענטש וואס דארף דאך האבן וועש. תכשיטים איז שוין א... איז שוין א... לאקשערי. ס'גייט אונטער כסות. **וכן מחייבין אותו ליתן לה תכשיט**, אונז לייגט, יא, אזוי ווי דער רמב"ם לייגט אריין אונטער כסות.

**ר' יצחק: כגון**, וואס מיינט תכשיט? **כגון בגדי צבעונין להקיף על ראשה ופדחתה**,

**ר' יואל אשר:** שיינע טיכלעך צו אנטון אויף איר קאפ. **ופוך ושרק** איז א מיין איך מיני מעיקאפס. שרק, יא, שרק, יא. כלה נאה וחסודה, ווי שטייט דארטן,

**ר' יצחק:** לא כחל ולא שרק ולא יעלת חן. מ'זינגט פאר די כלה אז זי דארף נישט קיין מעיקאפ, דו מיינסט אז זי דארף יא. זאגט מען איר אזוי.

**ר' יואל אשר:** ווען זי איז א כלה דארף זי נישט, וואס איז נאך די חן? און ער דארף איר צושטעלן מעיקאפ, דאס איז אויך בגדר תכשיטים. פארוואס?

**ר' יצחק: וכיוצא בהן כדי שלא תתגנה עליו.** ער דארף מאכן זיכער אז זי זעט אויס שיין פאר אים. און ווער דארף צאלן דערפאר?

**ר' יואל אשר:** ער. ער. אבער וואס... נאכאמאל, איך וויל פארשטיין, אויב איז עס בגדר כסות, א מענטש וועגן דעם הייסט עס בגדר כסות. טייטש, כסות מיינט אז א מענטש זאל זיין אויסקוקן נארמאל, אבער פאר א פרוי וואס האט א מאן, איז אונטער די גדר כסות מער פון דעם. זאכן וואס זענען לאקשערי. פארוואס?

**ר' יצחק:** ווייל זי האט דאך א מאן, שלא תתגנה עליו. הממ.

**חידוש: תכשיטים ווערן כסות ווייל ס'איז דא א סיבה**

**ר' יואל אשר:** די צורך פאר דעם, מ'וועט שוין זען נפקא מינה פאר'ן סיפור אז דאס אז עס גייט אריין בגדר כסות איז נאר ווייל ס'איז דא א סיבה כדי שלא תתגנה עליו. ממילא ווערט דאס א בעיסיק כסות. טייטש אויב א מיידל וויל האבן בגדי צבעונין עס וועט נישט אריינגיין בגדר כסות. ס'נישט נוגע ווייל ס'נישטא קיין הלכות כסות אבער ס'וועט נישט הייסן כסות ווייל פאר דיר איז עס א לאקשערי, מה שאין כן פאר א פרוי וואס איז דא א סיבה אז ס'איז א

**ר' יצחק:** נעסעסיטי הייסט עס שוין כסות.

**ר' יואל אשר:** הממ. יא.

**ר' יצחק:** די אלע שיעורים וואס מ'האט יעצט געלערנט,

**ר' יואל אשר:** אינטרעסאנט אז דער רמב"ם זאגט תכשיט זאגט ער די זאכן, אין דער רמב"ם'ס צייטן איז אויך געווען תכשיט דיימאנדס און גאלד און זילבער, אבער דאס זעהט אויס אז ס'איז טייערע זאכן, ס'איז נישט בגדר חיוב גמור.

**ר' יצחק:** תכשיט מיינט אזוי ווי א וועש,

**ר' יואל אשר:** נאך א שטיקל וועש, בגדי צבעונין מיינט א פענסיערע וועש, א שיינע טיכל, א שיינע שאל,

**ר' יצחק:** יא. אבער באלד וועט מען זעהן, ביי א גביר דארף ער טאקע געבן גאלד און זילבער, ביי אן ארעמאן דארף ער געבן דאס. אה,

**ר' יואל אשר:** דער במה דברים אמורים גייט ארויף אויף די גאנצע אלע הלכות פון פריהער? יא,

**ר' יצחק:** אויף די אלע הלכות ביז יעצט. ס'הייסט פשוט תכשיט מיינט זי דארף נישט נאר האבן אזוי ווי א בגד כסותה, זי דארף האבן א בגד וואס איז מענטשליך, ס'קומט א יא.

**במה דברים אמורים — הכל לפי עשרו**

**ר' יואל אשר:** די אלע זאכן, **במה דברים אמורים**, די אלע הלכות די מינימומס, **בעני שבישראל**, ביי די ארימערע פאלק פון די אידן דארף מען געבן עטליסט די זאכן. **אבל בעשיר**, אויב ער איז א רייכער מענטש, **הכל לפי עשרו**, די חיוב פון כסות וועט זיין לויט זיין עשירות. **אפילו היה ראוי**, אויב איז ער אזא סארט מענטש וואס זיין סטאנדארט איז **לקנות לה כלי משי**, זיידן, **ורקמה**, געשטריקטע שיינע זאכן, **וכלי זהב**, איז **כופין אותו ונותן**. קען מען אים צווינגען אויב זי פאדערט לכאורה און ער דארף עס איר געבן ווייל דאס איז זיין סטאנדארט. זעלבע זאך, **וכן המדור**, די הויז, **לפי עשרו**, לויט די רייכקייט, זעלבע זאך, **והתכשיט וכלי**

**הבית הכל לפי עשרו.** אלזא די אלע הלכות וואס מ'האט געלערנט איז די מינימום, אבער נאכדעם לויט וויפיל געלט ער האט.

**ר' יצחק:** און אזוי ווי מ'האט געלערנט ביי מזונות, די מינימום איז זייער וויכטיג.

**ר' יואל אשר:** יא, די מינימום איז א חיוב גמור.

**ואם קצרה ידו — כופין אותו להוציא**

**ר' יואל אשר:** **ואם קצרה ידו ליתן לה ואפילו כעני שבישראל,** אויב זיין האנט איז צו קורץ, ער האט נישט די לאנגע הענט, ער האט נישט קיין יד רחבה, יא, ער האט נישט די געלט פאר דעם, ואפילו כעני שבישראל ער קען איר

**ר' יצחק:** נישט געבן ער

**ר' יואל אשר:** קען איר ניטאמאל געבן די בעיסיקס.

**ר' יצחק:** אהה איז וואס? איז **כופין אותו להוציא.**

**ר' יואל אשר:** דארף מען אים צווינגען אז ער זאל, ער זאל איר געבן א גט אויב זי וויל עס. און אז ער איז א עני ער האט נישט קיין געלט צו קויפן א קליידל, וועט ער דאך זיכער נישט האבן קיין מאתיים, קיין מנה מאתיים, איז עס האבן נישט קיין טענות **ותהיה הכתובה חוב עליו עד שיעשיר,** וועט ער האלטן די כתובה פאר א חוב ביז ער וועט ווערן רייך. דעמאלטס וועט ער אדער קענען זיין מחזיר גרושתו, אויב זי וועט נאך וועלן, אויב זי וועט נאך זיין אוועילעבל, אדער וועט ער דארפן צאלן די כתובה.

**ר' יצחק:** אקעי זייער גוט.

**דיון: דער רמ"א'ס שיטה — יש אומרים שאין כופין אותו להוציא**

**ר' יואל אשר:** עד כאן איז וואס ער דארף געבן פאר זיין ווייב. יעצט גיימער לערנען אז ער דארף געבן פאר זיינע קינדער אויכעט.

**ר' יואל אשר:** יא יא? יא. ס'איז אנטערעסאנט א גאנצע צייט אז מען מען דער דער מאן דער מאן, דער ארימער מאן וואס גייט ער טון? ער גייט אנהייבן ניצן די ראמאנטישע שפראך: "האסט טאקע גארנישט,

**ר' יצחק:** אבער האסט מיך". דער זוהר אין פרשת

**ר' יואל אשר:** בראשית זאגט דארטן אז אז די ער רעדט דארטן וועגן על כן יעזב איש את אביו ואת אמו ודבק באשתו, אז א פרוי דארף נישט קיין שיינע זאכן אזוי ווי א בת מלך, זי דארף בעיקר א דאס וואס זי איז צוגעוואוינט פונעם טאטע, געדענק נישט, פארקערט ניין א בת מלך וואס האט זיך פארליבט אין א אדם פשוט דארף נישט קיין שיינע זאכן ווייל זי וויל דעם מענטש. אבער דאס איז גוטע תורה'לעך, אבער אויף למעשה דארף א מענטש האבן זיין בעיסיקס.

**ר' יצחק:** דרך אגב, קודם כל דער דער רמ"א, יא, דער הייליגער רמ"א זאגט שוין, לאמיר זען צו מ'קען דא טרעפן שנעל. דער הייליגער רמ"א אין אבן העזר סימן ע"ג שטייט אזוי: אם, דאס איז דער טור, אוי איך דארף האבן דער שולחן ערוך, שולחן ערוך אבן העזר שטייט אזוי: **ומי הוא עני ביותר כופין אותו. ויש אומרים שאין כופין אותו להוציא מאחר שאין לו.** רבינו תם. זייער אינטערעסאנט, ווי מ'שוין פארשטייט, דער רמ"א געט א קולא אז ווער ס'האט נישט, האט ער נישט. ס'איז זיכער אז די קולא איז געקומען פון די ריאליטי. אז דאס וואס די משנה שטייט, רעדט אזוי ווי מען זאגט די משניות זענען געשריבן פאר גבירים. בכלל אידישקייט איז געמאכט פאר גבירים, וואס האבן יעדער איינער האט עפעס א נחלה ערגעץ אין ארץ ישראל, ס'דאך דא א דין יעדער איד האט דל"ת אמות אין ארץ ישראל און ער האט פון ווי צו נעמען. די שאלה איז צו ער איז א רשע, ער געט נישט פאר זיין ווייב, גיב יא. איינער וואס ער האט טאקע נישט, שולחן ערוך געמאכט פאר די אידן אין גלות וואס האבן טאקע נישט, העלאו וואס גייסטו כופין אותו להוציא, וואס וועט איר האבן פון דעם אז ער וועט בלייבן א ארימאן נאך מער?

**ר' יואל אשר:** יא, אבער זי, זי קען דאך טרעפן בעסערע מענער וואס זענען יא גרייט צו געבן.

**ר' יצחק:** נו, אז זי קען טרעפן, קען זי טרעפן.

**ר' יואל אשר:** ניין, אין כופין אותו להוציא מיינט אויך אז זי קען נישט פאדערן א גט.

**ר' יצחק:** איך פארשטיי,

**ר' יואל אשר:** איך ווייס נישט, דער רמ"א מיינט אפשר צו זאגן צו די בית דין זאל זיך אריינמישן און אים הייסן גט'ן, אבער זי האט יא די רעכט, אויב מ'וועט זאגן דער רמ"א, אויב זי קומט, זי זאגט "איך וויל נישט אננעמען ווי דער רמ"א, קים לי אזוי ווי דער רמב"ם" וועט זי נישט קענען פאדערן א גט?

**ר' יצחק:** נאר פארשטיין יענע רמ"א. קים לי ארבעט אנדערע וועג, געוועגליך. דאס פון דעם רעדט דער רמ"א, עקזעקטלי,

**ר' יואל אשר:** מ'וועט אים טרייבן אקעי, דאס איז דאך זיכער, דער רמב"ם ברענגט דאך נישט דא אריין, ס'איז דאך אויך דא הלכות צדקות, אין יעדע שטאט איז געווען א קופה מיט א תמחוי, און אנשטאט כופין אותו להוציא,

**ר' יצחק:** זאל דער רב זיך גיין קוקן, מאכן זיכער אז זי באקוט. ניין, זי קען זאגן אז זי וויל נישט פון די קופה, דאס איז דאך די פוינט לכאורה.

**ר' יואל אשר:** זאל די קופה אים עס געבן, אז ער זאל עס איר געבן. ס'איז דאך דא אויך א צדקה, ס'איז דא א וועלט פון צדקה.

**ר' יצחק:** זעט אויס אז ס'גייט נישט אזוי, באט די נקודה איז אז ס'זעט מיר אויס וויאזוי הייסט דאס? אז ס'איז דא וואס זאגן אין כופין להוציא, און טאקע וועגן ס'איז נישט נישט אויסגעהאלטן דאס.

**ר' יואל אשר:** אקעי, מ'דארף וויסן, לכאורה האט עס צו טון מיט די מציאות, דער רמ"א האט מסתמא גערעדט פון א מציאות ווי יעצט ניטאמאל עסן וועט זי נישט האבן, און וועט זי אויך נישט האבן א מאן, יעצט עט ליסט וועט מען זיך מחזק זיין צוויי ארעמעלייט צוזאמען, אקעי, מ'דארף וויסן דעם מצב. און אויך האב איך געטראכט די מעשה פון רבי עקיבא וואס האט

איבערגעלאזט זיין ווייב און זי האט נישט געהאט קיין שטרוי, ער זעט אז ס'איז אן ענין פון מחילה.

**ר' יצחק:** וואס? ס'שטייט דאס וועמיר לערנען שפעטער. יא, אקעי. אפשר מעג מען טאקע נישט, אפשר מעג מען יא,

**ר' יואל אשר:** איך ווייס נישט. זאגט דער רמב"ם אזוי ווי אונז האבן געלערנט נעכטן אז דאס וואס רחל,

**ר' יצחק:** געלט האט ער דאך נישט געהאט עניוועיס, דאס וואס ער האט איר איבערגעלאזט איז אליינס א פראבלעם.

**ר' יואל אשר:** דאס איז א שאלה וויאזוי האט ער געמעגט איבערלאזן אלס עונה וכדומה, אבער ס'שטייט דארט אויך אז זי איז געווען זייער ארעם, און ס'איז געקומען אן ארעמאן בעטן שטרוי, האט זי זיך מחזק געווען

**ר' יצחק:** אז ס'איז דא ארעמערס ווי איר. יא, יא, אבער זיי האבן דאס פארדעם אויך נישט געהאט, רייט? אקעי. נאכאמאל דאס איז א קלאר אז די הלכה איז ווען זי וויל, אויב זי וויל נישט הייבט זיך נישט אן די שאלה, איך מיין אז דער רמ"א זאגט אפילו ווען זי וויל זאגט מען איר "קום אהער, ס'איז נישט אזוי סימפל".

**ר' יואל אשר:** אקעי.

### כסות ומדור לבנים ובנות קטנים

**ר' יואל אשר:** אה, וואס טוט זיך מיט די קינדער? זענען מיר נעכטן געלערנט אז די קינדער וואס זענען סמוך על שלחן ה, יא, אם, דער קינדער וואס די מאמע זארגט פאר זיי אייביג, איז א חלק פון די מאמע איז נישט העפי ווי לאנג אירע קינדער זענען הונגעריג. זעלבע זאך לגבי כסות, **ולא האשה בלבד, אלא בניו ובנותיו הקטנים בני שש או פחות**, אויכעט! **חייב ליתן להן כסות המספקת להן**, וועש וויפיל ס'פעלט אויס,

**ר' יצחק:** כלי תשמיש נישט האקעלע קיין שיעור פון זוז,

**ר' יואל אשר:** וואטעווער, וויפיל ס'איז. הא? כלי תשמיש וואס זיי דארפן,

**ר' יצחק:** **ומדור לשכון בו.**

**ר' יואל אשר:** hmm. עקסטערע ד' אמות פאר די קינדער. אדער וואטעווער, פלאץ פאר די קינדער. יא יא.

**ר' יצחק:** ניין. יא. זאל זיין פלאץ פאר זיי.

### חילוק: ביי קינדער נישט כפי עשרו נאר כפי צרכן

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, אבער פאר די קינדער איז נישטא קיין חיוב צו טון לכפי עשרו, **ואינו נותן להן כפי עשרו אלא כפי צרכן בלבד**, נאר וויפיל ס'פעלט אויס פאר זיי. hmm. אם, יא.

**ר' יצחק:** נישטא די הלכה, דאס הייסט ביי א פרוי, דאס איז די הלכה וואס מ'האט דערמאנט נעכטן. ביי א פרוי איז דא א הלכה כפי עשרו דארף ער געבן. אויב ער איז א בעל הבית'ישע איד, א בעל הבית'ישע איד דארף געבן פאר זיין ווייב גאלדענע קליידער. פאר זיינע קינדער, אפילו א בעל הבית'ישע איד, דארף נישט געבן קיין גאלדענע קליידער. דארף ער געבן וואס מ'דארף. ניין. אקעי, **זה הכלל** יא.

**ר' יואל אשר:** אם און דא קומט נישט אריין די תקנת חכמים צו געבן אפילו נאך בן שש. ס'זעט אויס אז וועש איז נישט אזוי וויכטיג.

**ר' יצחק:** איך ווייס נישט. אינטערעסאנט. ער זאגט נישט. טאקע א גוטע שאלה. ער זאגט נישט. ער זאגט נישט.

**ר' יואל אשר:** איך ווייס נישט. גוט צו וויסן. מ'דארף טראכטן. איך מיין, אויב ממש זיי האבן נישט וואס אנצוטון, זיין נאקעט איז אזוי ווי זיין הונגעריג. אפשר די זאך אז מען דארף יעדע יאר נייע וועש, אפשר דאס איז נאר נוגע.

**ר' יצחק:** איז א עורב. אקעי, קום איר, מ'רעדט, אגעין. א נארמאלע מענטש שטעלט צו פאר זיינע קינדער אויכעט לפי עשרו.

**ר' יואל אשר:** יעצט רעדט דאך וועגן מען צווינגט אים. יא טאקע, אבער פונקט ווי לגבי לגבי עסן יא געשטאנען חכמים מישן זיך אריין.

## הלכות כסות, כלי בית ומדור — המשך

### הלכה: כלל בנוגע כסות, כלי בית ומדור

**ר' יצחק:** טאקע איך האב נישט די שאלה. ער זאגט נישט. ער זאגט נישט. איך ווייס נישט.

**ר' יואל אשר:** מ'דארף וויסן. מ'דארף טראכטן. איך מיין, אויב ממש זיי האבן נישט וואס אנצוטון, זיין נאקעט איז אזוי ווי זיין הונגעריג. אפשר די זאכן, מ'דארף יעדע יאר נייע וועש.

**ר' יצחק:** אפשר דאס איז נאר נוגע. ער איז א עורב. אקעי, קום מיר אגען. א נארמאלער מענטש שטעלט צו פאר זיינע קינדער אויך לפי עשרו.

**ר' יואל אשר:** יעצט, אבער איך זאג, לגבי עסן איז יא געשטאנען, חכמים מישן זיך אריין און געבן פאר אפילו עלטערע קינדער.

**ר' יצחק:** כסות לא ברור. ער זאגט אז די חלקת מחוקק און די בית שמואל זאגן דער חידוש אז ס'איז דא די זעלבע זאך ביי כסות, אבער אין די רמב"ם שטייט עס נישט. איך ווייס נישט אויב מ'קען מדייק זיין אז ס'איז נישט דא. מ'דארף וויסן.

**ר' יואל אשר:** יא, אקעי. אקעי. יא. זאגט דער רמב"ם ווייטער: **"זה הכלל: כל מי שיש לו עליו מזונות"** — יעדער איינער וואס דער טאטע הייסט עס דאס,

**ר' יצחק:** יעדער איינער וואס דער טאטע,

**ר' יואל אשר:** וואס דער, יעדער איינער וואס דער מענטש האט אויף יעדער איינער וואס האט דאס, די חוב יענעם צוצושטעלן מזונות, **"בין בחייו בין אחר מותו"** — אזוי ווי מיר האבן נעכטן געלערנט אז די אלמנה האט דאך אויך צו עסן פון די מאן'ס נכסים אפילו נאך זיין שטארבן, איז די זעלבע הלכות ווי מזונות איז כסות און כלי בית ומדור, אלע פיזישע, פיינענשעל,

**ר' יצחק:** פיזיש, יא, די כסות, די זעלבע זאך ווי

**ר' יואל אשר: "וכל שבית דין מוכרין למזונותיו"** – די אלע זאכן וואס מיר האבן נעכטן געלערנט אויב ער איז אוועקגעפארן און נישט אפגעלאזט קיין עסן, איז אויך זיין די זעלבע זאך, וועט מען פארקויפן פאר אירע וועש, **"לכסותו וכלי ביתו ומדורו"**. די אלע זאכן איז די זעלבע הלכות אז... אריין גוט. יא.

**הלכה: תכשיטים ווען דער מאן איז אוועקגעפארן**

**ר' יצחק:** עד כאן הלכות אבער מ'גייט לערנען אז ס'איז דא יא א חילוק, תכשיטים נישט, יא?

**ר' יואל אשר:** יא, זאגט דער רמב"ם: יעצט האבן מיר דאך געלערנט אז א חלק פון מדור איז אויך תכשיטים. זאגט דער רמב"ם: אבער ס'איז דא א חילוק צווישן א פרוי וואס איז מיט א מאן און א מאן וואס איז אוועקגעפארן. **"האשה שהלך בעלה"** – איר מאן איז אוועקגעפארן, **"ופסקו לה בית דין מזונות"** – און בית דין, זי איז געגאנגען צו בית דין טענה'ן אז דער מאן האט איר נישט איבערגעלאזט קיין געלט, האט מען געטון די זעלבע זאך אז בית דין האט גע'פסק'נט מזונות וכסות וכלי בית ושכר מדור, ווענסטו מיינען אז מיט דעם קומט אויך מיט תכשיטים, ווייל אזוי האבן מיר דאך געלערנט אזוי. אבער ביי תכשיט האבן מיר דאך געלערנט אז די סיבה פארוואס עס פעלט אויס איז שלא תתגנה על בעלה. ווייל ס'איז נישט ליטערלי א חלק פון די ווארט כסות. נאר ווען לפי המצב פעלט עס אויס, וועט עס אריינגיין בגדר כסות. אבער אין א פאל ווען זי האט נישט א מאן, **"אין פוסקין לה תכשיט, שהרי אין לה בעל שתתקשט לו"**. זי האט נישט קיין מאן פאר וועם זיך צו מתקשט זיין. סאו ס'זעט אויס אז תכשיט איז עקסטער, איז נישט נאר זאל אויסקוקן ווי א מענטש. וואטעווער זי דארף האבן אויסצוקוקן ווי א מענטש, ווען זי דארף ארויסגיין, אדער מ'גייט צו א שמחה, איז כסות. אבער די וואס איז עקסטער,

**ר' יצחק:** תכשיט מיינט מעיק-אפ, אזוי האבן מיר געלערנט, אזעלכע זאכן. יא.

**ר' יואל אשר:** אין לה בעל שתתקשט לו.

**הלכה: נשתטה בעלה או נתחרש**

**ר' יצחק:** רייט. "אבל", נו,

**ר' יואל אשר:** יעצט פארשטיי איך פארוואס ער איז אוועקגעפארן בכלל. **"אבל מי שנשתטה בעלה או נתחרש"**,

**ר' יצחק:** די קישוט איז לא תתגנה על בעלה. סתם פאר א צוויטן דארף זי נישט קיין תכשיט. זי קען גיין, איך ווייס נישט צו ס'איז אן עבירה, אבער ס'פעלט נישט אויס. "אבל",

**ר' יואל אשר: "אבל מי שנשתטה בעלה או נתחרש"** – איינע וואס דער מאן איז געווארן א שוטה אדער א חרש, קען מען אויך זאגן אזוי ווי ס'איז א מין אין לה בעל. אבער ניין, יא **"פוסקין לה תכשיט"**, ווייל סוף כל סוף איז דא דא א בעל

**ר' יצחק:** וואס דארף זיך מתגנ' רייט.

**ר' יואל אשר:** צו זיין א מבין אויף מעיק-אפ דארף מען נישט האבן קיין שכל אדער קענען רעדן. מיינעך. "פוסקין לה תכשיט".

זאגט דער רמב"ם: **"ודין הבעל עם אשתו בטענת הכסות והכלים ושכר הבית"** – איז די זעלבע זאך, **"כדינם בטענת המזונות"**.

**דין טענות בכסות**

**ר' יצחק:** אויב ער זאגט,

**ר' יואל אשר:** אזוי ווי מ'האט געלערנט נעכטן א סך הלכות פון טענות, 25 מינוט אינדערהיים. יא, כ'געדענק די שיעורים. יא, ס'איז אנגעקומען שאלות צו ער דארף שווערן, צו די דארף שווערן, און אזוי ווייטער. סאו די אלע טענות אויך לגבי כסות, כלים און שכר הבית, איז די זעלבע ווי טענת המזונות, אז אויב זיי טענה'ן: "נתתי", און זי זאגט: "לא נתתה", וועט זיך ווענדן ווען, צו ווער איז דער מוציא, ווער דארף שווערן, און אזוי ווייטער. די דינים דא וועט זיין די זעלבע הלכות ווי ביי עסן.

**ר' יצחק:** עד כאן.

**הלכה: המדיר את אשתו מלהתקשט**

**ר' יצחק:** איז עד כאן אין דעם פרק האט מען זיך געלערנט וואס איז די הלכות וויפיל כסות, און וואס איז בכלל כסות, און ווען מ'קען עס תובע זיין. יעצט קומט א נייע הלכה וואס איז אביסל קאנעקטעד מיט דעם, אז לכאורה אזוי ווי מער נישט דירעקט הלכות כסות, קענסט זאגן וויבאלד ער איז מחויב איר צו געבן תכשיט, טאר ער נישט מונע זיין דערין, אבער ס'איז אביסל ברייטער אויכעט. ס'איז דא נאך זאכן וואס איז נישט ממש תכשיט, און מ'גייט לערנען צו א מענטש האט א רעכט צו מונע זיין אין זיין ווייב דורכדעם וואס ער מאכט איר א נדר סאמהאו, אז ער אסר'ט זיינע תכשיטים עליה אדער וואטעווער, אז זי קען נישט מתקשט זיין. מיר האבן געלערנט נעכטן אויכעט ענליכע הלכות לגבי מדורן. לגבי, וויאזוי הייסט עס? לגבי שאר, זעלבע ענליכע זאך לגבי כסות.

**ר' יואל אשר:** האב איך געלערנט אויפ'ן נישט עסן געוויסע עסן, מ'מאכט א נדר אויף געוויסע עסן.

**ר' יצחק:** גיימיר לערנען לגבי אנדערע זאכן אויב מ'מאכט א נדר פאר איר.

**דיסקוסיע: מעכאניזם פון א נדר אויף די פרוי**

**ר' יואל אשר:** "המדיר את אשתו", אבער ווען מ'זאגט מ'מאכט א נדר פאר איר, א מאן קען נישט מאכן א נדר פאר די פרוי. ער קען מאכן א נדר אז אויב ווענסטו זיך מתקשט זיין, וועל איך זיין אסור אויף דיר. א מאן קען נאר זיך אסר'ן אויף די ווייב. סאו די תכשיטים וועט זיין די תנאי. אויב איינער אסר'ט זיך אויף די ווייב, אדער אסר'ט זיין הויז למשל אויף די ווייב, אויב גייט זי זיך מתקשט זיין. ווייל דאס איז וואס ס'טייטשט.

**ר' יצחק:** "המדיר את אשתו" שטייט נישט דא, אבער ס'קען זיין אז מ'דארף לערנען. דער רמב"ם זאגט נישט, ווייל ס'זעט אויס דאס קען

**ר' יואל אשר:** מען לערנען אין הלכות נדרים.

**ר' יצחק:** אבער אדער ער זאגט אז תשמישו איז אסור עליך אויב טוסטו אזוי, אדער אפשר איז דא אנדערע אופנים.

**פשט הלכה: חילוק צווישן עני ועשיר**

**ר' יואל אשר:** אקעי. **"המדיר את אשתו"** – אויב ער מאכט א נדר אויף דיין ווייב, וואס די נדר ברענגט אז זי זאל זיין אסור זיך מתקשט זיין **"באחד מכל המינים"**

**ר' יצחק:** וואס מ'האט פריער אויסגערעכנט.

**ר' יואל אשר:** ס'טייטש אפילו נאר איינס פון זיי, אזוי ווי זיי האבן געלערנט לגבי אפילו איין פרי. ער זאגט, נאר דו טארסט נישט האבן כחל. **"שנה אחת"** אויב אגב **"בעניות"**,

**ר' יצחק:** אויב ער איז אן ארימאן, ער איז ארים,

**ר' יואל אשר:** איז **"שנה אחת יקיים"** – ביז איין יאר וועט מען אים לאזן. א, גייסט זיך שפארן מיט פינף דאלער א יאר,

**ר' יצחק:** האט נישט אזויפיל קישוטים עניוועיס. יא.

**ר' יואל אשר:** איין יאר קען ער איר האלטן. איין יאר פאדערט מען נישט פון אים צו געבן א גט. ווייל זעט אויס אז איין יאר, ער וויל זיך איין יאר שפארן געלט, ער האלט אז דאס גייט אים העלפן

**ר' יצחק:** ארויסקומען פון די לאך, וואטעווער,

**ר' יואל אשר:** מען געט אים א טשענס. יא, ס'איז א חלק פון ארימקייט, ניין, מ'האט נישט פונדעסטוועגן, אויב איז עס פון רשעות, איז נישט קיין חילוק אן עני אדער עשיר.

**ר' יצחק:** ניין, ניין, ניין.

**ר' יואל אשר:** די ווייב ניצט אים אויס זיינע אלע געלטער, ער האט נישט, ער איז אן ארימאן.

**ר' יצחק:** ניין, איך האב דאך געטייטשט, ווייל א עני האט לכתחילה ווייניגער תכשיטים, סאו נישט גיין תכשיטים א גאנץ יאר איז א קלענערע דיעל, ס'איז נישט א ביג דיעל. א גביר, א גביר'טע האט א סאך תכשיטים, סאו ס'איז שוין א גרויסע חילוק. אזוי מיינט עס.

**ר' יואל אשר:** איך מיין נישט אזוי. איך מיין די ווארט איז אז אויב טוסטו עס אויט און דוחק, געבט מען נאך צייט, געבט מען נאך צייט און ער וועט זיך אן עצה געבן.

**דיסקוסיע: פארוואס דארף מען א נדר?**

**ר' יצחק:** "המדיר את אשתו" געבט מען א יאר. איז ווייל ער האט נישט קיין געלט, ער קען סתם אזוי נישט געבן, און מען וועט אים רופן אין די תורה אז ער געבט נישט, פארוואס דארף ער מאכן א נדר? נדר מאכן מענטשן וועגן פרומע מענטשן, איך ווייס נישט פארוואס, אנדערע ריזן. פארוואס דארף מ'מאכן א נדר?

**ר' יואל אשר:** וואס איר זאגט איז א שיינע חידוש, אז א עני, אבער לכאורה לאו דווקא, ווייל זי האט ווייניגער, אבער דאס איז פאר איר וויכטיג. פונקט פארקערט, די איין זאך וואס זי האט נאך יא נעמסטו איר אוועק,

**ר' יצחק:** פארוואס זאל מען געבן מער צייט? איך האב עס נישט געגומען פערראשט, איך האב שוין איינס אויסגעטראכט אז ער ברענגט איר. אבער איך זאג די ריזען פארוואס עס מאכט נישט קיין... איך טראכט אזוי: אז ווייל, אז נישט קומט נישט אריין א נדר. קענסט טאמער זיי זאגן: איך האב נישט, האסט דאך נישט, איז א אנדערע נושא.

**ר' יואל אשר:** דו דארפסט מאכן א נדר. אנשטאט זי זאל אים האלטן אין איין מוטשענען: געב מיך מיין דזשולערי, געב מיך מיין דזשולערי, האט ער געזאגט: איך גיי מאכן א נדר, ענד דעטס איט, איך הער נישט מער נישט פון דיר.

**ר' יצחק:** געוועגליך נדר איז עפעס אזעלכע איז עפעס אזאך א

**ר' יואל אשר:** סתם ער קאנטראלט איר. נישט אז ער האט נישט. אקעי, איך הער.

**ר' יצחק:** ס'איז א פרומקייט.

**המשך הלכה: יתר על כן**

**ר' יואל אשר:** סאו בעניות זאגט ר' יצחק אז ווייל א עני האט דאך עניוועי, וואס האט זי שוין נעבעך? די ביסל מעיקאפ וואס איז עניוועי יעגעמס קוואליטי, קען זי סורוויווון א יאר אן דעם. אבער **"יתר על כן"** – קען מען נישט פאדערן א פרוי אז זאל מער ווי א יאר זיין אין א מצב פון דוחק, רייט? יתר הקן, **או יתן נדרי או יוצא ויתן כתובה.** ס'איז זייער אינטערעסאנט, איך טראכט פון דא עפעס א מקור פאר א הלכה. איך וויל נישט איבערהאקן, לאמיר ענדיגן די הלכה און לאמיר זען. **ובעשירות** – אויב איז ער אבער א עושר, איז **שלשים יום.** ביז דרייסיג טעג האט זי נאר איין יו"ט. אבער **יתר הקן,** קענסט נישט האלטן, דו האסט דאך געלט און זי דארף עס אויך וויכטיגער האבן, געבט מען אים נישט קיין טשענס מער ווי דרייסיג טעג. **יתר על כן, או יתר נדרו** – אדער זאל ער מתיר נדר זיין, יא, א מאן קען דאך טרעפן א פתח חרטה אדער כדומה. **או יוציא ויתן כתיבה** – צו ער דארף איר געבן א גט און געבן די כתובה?

**דיגרעסיע: מקור פאר גדר פון צייט ביי גט-שאלות**

ס'איז דא א הלכה, ס'איז דא א שאלה אייביג אין גיטין: ווי לאנג קען א מענטש פאדערן, געב מיך נאך צייט, איך גיי עס מאכן ארבעטן כדומה, איך גיי נאכנישט געבן א גט, איך גיי עס אויספיגורן? ווייל ס'איז א, גראדע עקטשועלי א אפטע שאלה, מענטשן קומען צו די בית דין, זי וויל א גט אדער ער וויל א גט, און די אנדערע זאגט: אונז האבן נאכנישט געגוג געטרייט, לאמיר, לאמיר נאך מער ווייטער ארבעטן. און ס'איז א גרויסע שאלה. די וואס האבן זייער ליב צו שפרינגען און זאגן מעגן וועט זאגן נאך פינף מינוט איז ער שוין א מעגן, און נאכדעם די מאן קען פאר צען יאר נישט געבן א גט און זאגן: איך טריי, איך טריי. וואס איז די גדר? סאו די אחרונים טרייען צו מאכן א גדר. ר' חיים פאלאדזשי זאגט מ'געבט א גדר פון א יאר. איך מיין אז אפשר דא איז א שטיקל מקור: שנה אחת יקיים, יא? זיי האבן א הארד טיים. ביז א יאר קען א קאפל זאגן אונז טרייען עס צו מאכן ארבעטן, ער האט

זיין משוגעת פארוואס ער וויל נישט אז זי זאל זיך מתקשט זיין. איך טראכט אז פון דא איז עפעס א שטיקל אסמכתא, אז א יאר איז א...

**ר' יצחק:** ס'וועגדט זיך יעדע סינגל זאך, ווייל דא די תכשיט, ביי אנדערע זאכן איז דא אנדערע הלכות.

**ר' יואל אשר:** זיי האבן געהאט אויך, אם, שנה אחת האבן זיי געהאט אויף נאך עפעס נעכטן,

**ר' יצחק:** הא? נעכטן האבן אונז געהאט די זעלבע הלכה,

**ר' יואל אשר:** אמת? ביי פירות,

**ר' יצחק:** געהאט אז זאל נישט עסן קיין פירות.

**ר' יואל אשר:** וואס איז געשטאנען דארט? אויכעט א עני איז א יאר, און אן עושר איז דרייסיג טעג.

**ר' יצחק:**ווארט, אזוי געשטאנען דארט?

**ר' יואל אשר:** מיר דאכט זיך. ניין?

**ר' יצחק:** ניין, ס'איז געשטאנען דרייסיג טעג פאר יעדער איינער.

**ר' יואל אשר:** אה, יא. בעושר עד שלושים יום?

**ר' יצחק:** ניין, ס'איז געשטאנען דרייסיג טעג פאר יעדן, נאר תכשיטים איז דא א חילוק פון אן עני און אן עושר.

**ר' יואל אשר:** אה.

**ר' יצחק:** סאו נישט, עס וועגדט זיך פון דעם נושא, דו קענסט נישט מאכן א כלל. אויך יענע גאנצע שאלה איז א פאני סארט שאלה,

**ר' יואל אשר:** מיר גייען נישט יעצט אריין. אוקעי,

**פארוואס שטייט דאס ביי כסות?**

**ר' יצחק:** ווייטער שוין. און מ'רעדט שוין וועגן נדר, מ'מאכט נאך הלכות וועגן, אפשר אויך, ווייל די זאכן זענען מער שייך צו כסות ווי צו אנדערע זאכן. יא, ווייל כסות איז די וועג וויאזוי

**ר' יואל אשר:** זי זעט אויס געקליידעט.

**ר' יצחק:** איך האלט אז נדר איז א פרומעניש, און אמאל די איינציגסטע וועג וואס מענטשן האבן געוואוסט וויאזוי צו מאכן זייער ווייב נישט צו טון עפעס, עפעס א נארמאלע תענוג הגוף אזוי ווי יעדער א זאך, איז געוועזן צו מאכן א נדר. היינטיגע צייטן האט א מענטש געטראפן אן אנדערע עקסקיוז, ער וועט זאגן, דער רב זאגט אז מ'טאר נישט גיין די תכשיטים, און דאס איז די זעלבע הלכה אבער.

**ר' יואל אשר:** רייט. ווייל אמת די גמרא דא זאגט אז אפשר מ'האט עס געלערנט, ווייל ער וויל נישט האבן אן אשה נדרנית. ער וויל נישט האבן א פרוי וואס מאכט נדרים. יעצט רעדט מען פון דעם מאן. ער וויל נישט א פרוי וואס מאכט אה דאס איז וואס ער מאכט,

**ר' יצחק:** אוקעי. ער מאכט אויף איר א נדר.

**ר' יואל אשר:** אבער די זעלבע זאך פארקערט. מ'זאל זאגן אז א נדר איז ערגער ווי סתם נישט געבן יענעם.

**ר' יצחק:** א פרוי האט א רעכט צו באקומען תכשיטים, און דו קענסט נישט קומען: "איך בין א פרומער, איך האלט נישט פון תכשיטים". זי האט א רעכט צו תכשיטים. פארשטייסט?

**ר' יואל אשר:** רייט. וואס טוט זיך אזא זאך? הדירה, געמאכט א נדר אויף איר,

## נדרים וואס שטערן די פרוי'ס סאציאלע לעבן, און דאס רעכט ארויסצוגיין

### הלכה י' (המשך) — נדרים וואס דער מאן מאכט אויף זיין פרוי

**הדירה שלא תלך למרחץ — נדר אז זי זאל נישט גיין אין באד**

**ר' יואל אשר:** ער וויל נישט האבן א פרוי וואס מאכט נדרים. ווארט א מינוט, יעצט רעדט מען פון דער מאן.

**ר' יצחק:** ער מאכט אויף איר א נדר.

**ר' יואל אשר:** אה, דו מיינסט ער מאכט, אקעי. אבער די זעלבע זאך פארקערט. מ'זאגט א נדר איז ערגער ווי סתם נישט געבן יענעם.

**ר' יצחק:** א פרוי האט א רעכט צו באקומען תכשיטים און דו קענסט נישט קומען: "איך בין א פרומער, איך האלט נישט פון תכשיטים", זי האט די רעכט פון תכשיטים, פארשטייסט? רייט.

**ר' יואל אשר:** אקעי. וואס טוט זיך אזא זאך: **הדירה**, געמאכט א נדר אויף איר **שלא תלך למרחץ**, אהמ זאל זי זיך נישט גיין וואשן, זאל נישט גיין אין מרחץ, איז אזוי: **בכרכין**, אין די גרויסע שטעט, **שבת אחת**, אפילו איין וואך, ווייל דארט איז דער סדר, ביי יעדע קארנער איז דא א מרחץ, ס'איז א חלק פון די קאלטשער. **בכפרים**, אין די דערפער וואס מ'דארף אריינפארן צו די מרחץ, גייט מען אביסל וויניגער אפט,

**ר' יצחק:** איז **שתי שבתות**, ס'איז צוויי וואכן.

**ר' יואל אשר:** אהמ יא. דא זעט מען אז אין די הלכה שטייט נאר בית הכיסא, אבער מ'דארף אויך צושטעלן א שאוער,

**ר' יצחק:** ווייל ס'איז לכל הפחות אזוי ווי מרחץ. אקעי,

**הדירה שלא תנעל מנעל — נדר אז זי זאל נישט טראגן שיך**

**ר' יואל אשר:** אויב מאכט ער א נדר **שלא תנעל מנעל**, זאל נישט גיין קיין שיך, זאל זי גיין בעיר-פאט. אהמ. איז **בכפרים שלשה ימים**, דריי טעג קען מען נאך סערוויוון. **בכרכין**, אין די גרויסע שטעט ווי ס'איז וויכטיגער, איך ווייס,

**ר' יצחק:** אדער ס'איז א סאושעל אישו,

**ר' יואל אשר:** אדער ווייל מ'וועט זיך צושטעכן, איך ווייס נישט וואס, איז **מעת לעת**, מ'גיבט אים פיר און צוואנציג שעה.

**ר' יצחק:** יא, אין די כפרים דרייען זיך מענטשן אמאל אן שיך, אין כרך גייט מען נישט אזוי.

**ר' יואל אשר:** **יתר על זה**, מער ווי דעי צייט, האט ער די ברירה, **או יתיר נדרו או יוציא ויתן כתובה**, אדער וועט ער איר דארפן געבן א גט און געבן כתובה.

**הדירה שלא תשאיל ושלא תשאל — נדר אז זי זאל נישט בארגן פאר/פון שכנים**

**ר' יואל אשר:** נאך נדרים: **הדירה**, דא גייט מען רעדן, מיין איך, אזעלכע סאושעל זאכן. **הדירה**, אפשר ביז יעצט אויך געווען,

**ר' יצחק:** איך מיין ס'איז אויך דא א געוויסע צער.

**ר' יואל אשר:** מרחץ איז אפשר פשוט א גופניות'דיגע זאך, די שאלה איז: גוט שמעקן איז ווייל איך זאל הנאה האבן פון אזוי ווי איך שמעק, אדער אז יענער? יא, ס'איז ביידע. אקעי. **הדירה**, אויב א מענטש האט געמאכט א נדר אויף זיין ווייב, זי זאל נישט בארגן פאר די נעיבערס. נעיבערס קומען אמאל בארגן א קלייניגקייט, ער זאל זיי נישט בארגן. אדער אז זי זאל נישט בארגן פון אנדערע נעיבערס, **"מכלי הבית שדרך כל השכנות לשאול אותן ולהשאילן"** **"כגון"** **"כגון נפה וכברה"** סארטן זיפן צו זיפן די מעל, אדער **"ריחיים ותנור וכיוצא בהן"**, איז אויך די זעלבע זאך, אדער **"יתיר נדרו או יוציא ויתן כתובה"**. פארוואס? **"פני שמשיאה שם רע בשכנותיה"**. ער מאכט איר אז זי זאל האבן א שלעכטע נאמען ביי די שכנות, אז זי איז א קארגע, אדער אז זי איז נישט א חלק פון די גרופ, פון די נעיבערהוד.

סאו דאס איז א סאושעלע זאך, אז א מאן דארף לאזן זיין ווייב זיין נארמאל מיט די לאקאלע פרויען, און אויב ער שפארט איר איין פארשעמט ער איר טייטש. הגם לכאורה "לא תשאיל", ער האט דאך א ממונות'דיגע חוב, ס'איז דאך, ווען ער קויפט איר א קדירה, איז דאך עס בעצם זיינס, יא? מה שקנה אשה קנה הוא. יא, ער מעג... ער האט בעצם די הלכה'דיגע רעכט. און, אבער למעשה איז דאך דא צו דעם א סאושעל עספעקט, אז די פרויען גייען וויסן אז זי איז א משוגענע, זי איז א קארגע, אדער וואטעווער ס'איז,

**ר' יצחק:** משיאה שם רע בשכנותיה, טאר מען נישט.

**וכן היא — ווען זי מאכט א נדר וואס שעדיגט אים**

**ר' יואל אשר:** **"וכן היא"**, אז די זאך קען גיין ביידע וועגן. אויב זי שטערט אים, **"שנדרה"**, האט זי געמאכט א נדר, למשל אז איך וועל זיין אסור אויף דיר אויב **"שלא"**... קענסט גלאט אזוי מאכן א נדר אז די זאך איז אסור אויף מיך. צו מאכן א נדר אויף יענעם איז א פראבלעם,

**ר' יצחק:** אויף זיך אליינס מעג מען מאכן א נדר. אה, **"שלא תשאל ושלא תשאיל"**,

**ר' יואל אשר:** זי וועט נישט בארגן אדער פארבארגן, **"נפה וכברה ריחיים ותנור וכיוצא בהן"**, אדער **"ושלא תארוג בגדים נאים לבנה"**, זי גייט נישט מאכן קיין שיינע בגדים פאר די קינד, **"במקום שדרכן לארוג אותן לבנים"**, אין א פלאץ וואו דאס איז די סטייל, די מאמעס מאכן שיינע מלבושים פאר די קינדערלעך, איז אויך די זעלבע זאך, דא איז **"תצא שלא בכתובה"**, קען ער איר פארטרייבן אן א כתובה. פארוואס? **"מפני שמשיאתו שם רע בשכנותיו"**. נייס.

**ר' יצחק:** זי מאכט אים א שלעכטע אויסזען,

**ר' יואל אשר:** א לאקאלע ווארט, "שהוא כילי" אז ער איז א קארגער.

**ר' יצחק:** יא. איי ער זאגט אז ער האט תקנות? ס'איז די זעלבע זאך. ס'העלפט נישט אז מ'מאכט תקנות.

### *דיסקוסיע: פארוואס קען ער נישט מפר זיין איר נדר?*

**ר' יואל אשר:** איך וואונדער מיך אבער, אז ווען זי מאכט א נדר קען ער דאך מפר זיין איר נדר ווען ס'איז אבאוט אים.

**ר' יצחק:** אין הכי נמי, אבער אפשר...

**ר' יואל אשר:** דעמאלטס פארוואס תצא שלא בכתובה? זאל ער מתיר זיין די נדר. ער איז נדר-פרוף, יא? א מאן איז נדר-פרוף,

**ר' יצחק:** ער קען עס גלייך מתיר זיין. אפשר קען ער טאקע...

**ר' יואל אשר:** אפשר איז דא עפעס א פאל ווען זי האט געמאכט א נדר וואס ער קען נישט מפר זיין.

**ר' יצחק:** האסט שוין גערעדט דאס פריער,

**ר' יואל אשר:** אמת? אמת,

**ר' יצחק:** יא. אהמ איך ווייס נישט. אה, ער ער זאגט אז דער שולחן ערוך זאגט אז געוואלד, ס'איז נישט קיין, אפשר קען ער נישט מפר זיין אויף אזעלכע זאכן.

**ר' יואל אשר:** אינטערעסאנט, ווייל אויב איז אויב האט ער בושות דערפון איז עס נישט קיין מי עינוי נפש? דאס אליין, דאס וואס ער זאגט דא אז ער באקומט א שם רע, אפשר דאס, אמת. אינטערעסאנט. יא, און עינוי נפש איז מער א מוגבל'דיגע זאך. ס'מיינט ממש נישט פיזיש.

### *דיסקוסיע: חילוק צווישן "אשה נדרנית" און "תוכן הנדר"*

**ר' יצחק:** וואס האבן מיר זיי האבן געלערנט פריער אין די הלכות פון דעם אז אויב זי מאכט א נדר, איז אויב ס'איז זאכן, געדענקסט, אויב ס'איז זאכן וואס איז נארמאל, אזוי ווי נישט עסן פלייש, קען ער איר אדער מפר זיין, אפילו אויב נישט אה און שפעטער האט ער געטויעשט זיין מיינד, קען ער איר מ'געבט אים דעמאלטס וואדי אי אפשי באשה נדרנית. אפילו נאכן מפר זיין קען ער דאס זאגן. אבער דא שטייט נישט יענע הלכה, סיי דא שטייט נאר דאס זאכן וואס עס שטערט אים און סיי עס שטייט נישט די אשה נדרנית פראבלעם, ווייל אשה נדרנית מיינט א פרומעטשקע וואס עסט נישט קיין פלייש, אשה נדרנית וואס האט פאר א שגעון צו זיין א נישט בארגן פאר די שכנות איז אן אנדערע פראבלעם, ס'איז א פראבלעם פאר דאס תוכן הנדר נישט פאר דאס אשה נדרנית פראבלעם.

**ר' יואל אשר:** אממ נישט אזוי פשוט, ווייל למשל, שלא תארוג בגדים נאים לבנה, ס'שטייט נישט א פרוי וואס מאכט נישט קיין בגדים פאר איר זון שטייט נישט יוציא שלא בכתובה? שטייט יא. אז א פוילע פרוי וואס מאכט נישט קיין בגדים. נאכאמאל יוציא.

זעהט אויס אז ס'איז א חלק פון דעם נדר, ניין? ווייל זי האט עס געמאכט ווען זי האט עס

**ר' יצחק:** געמאכט בדא באופן נדר.

**ר' יואל אשר:** ווייס נישט. אפשר עגעין אפשר ווען איינער איז פויל איז איין זאך, אבער ווען איינער האט פרינציפאלס דאס טוט אסאך מער וויי.

**ר' יצחק:** איך ווייס טאקע נישט. איי דאנט נאו. די אלע הדירה איז דאך פשט דאס איז די איינציגסטע וועג איר צו מונע זיין. אז ער פרעגט זי: "פארוואס מאכסטו נישט קיין קליידער"? "אה, כ'האב געמאכט א נדר, כ'האב געמאכט א קבלה". ווייסט אז היינט גייט עס אזוי? "טו מיר א טובה, מאך א פאון קאל". "אה, כ'האב געמאכט א קבלה כ'טאפ נישט קיין סמארטפאונס". תצא שלא בכתובה. העלאו, ווער האט דיך געלאזט מאכן א נדר? ס'מאכט עס ערגער, ס'מאכט עס נישט בעסער.

**ר' יואל אשר:** פארשטייסט?

**ר' יצחק:** נישט ס'איז להלכה ולא למעשה.

**ר' יואל אשר:** שטערסט א צווייטן מענטש מיט דיין נדר. יא,

**ר' יצחק:** ס'איז אמת, א סאך מענטשן, ס'איז ערגער די סיטואציע, נישט בעסער די סיטואציע.

**ר' יואל אשר:** אסאך מענטשן זענען רשעים ב ב אין פרינציפאל, זיי האבן א עקרון אז זיי זאגן א סאך מאל ניין, ווייל זיי זענען געגאנגען צו עפעס א סעלף העלפ קאורס, אז מ'זאגט אז זיי מוזן קענען ענטפערן ניין, ווייל איינער וואס קען נישט זאגן יא קען נישט, עפעס א תורה'לע, אקעי.

**ר' יצחק:** ס'איז אמת אז מ'דארף זאגן ניין אמאל אבער ס'איז א געוויסע שלעכטסקייט, אמאל דארף מען זיין א שלעכטער, ס'איז דאך דא א דרך המיצוע אין יעדע זאך. ס'איז נישט זאכן וואס אקעי, עניוועיז, אודאי דא אויך נישט יעדע מאל מען בארגט. מען רעדט דאך שדרכן, אזוי ווי ער זאגט. נאו פראבלעם, פארקערט. דעם נדר מאכן די מענטשן וואס זיי קענען נישט זאגן ניין, יא? ווייל ער זאגט, "היינט וויל איך נישט בארגן, איך בין א שלעכטע מוד, אקעי, איך וועל זיך איבערבעטן." "איך האב א נדר, איך קען נישט מיט דיך רעדן." אקעי, פארוואס מאכן אונז אלע סאשעל קאמענטערינגס. לערן נאך א שטיקל.

***דיסקוסיע: פארוואס באקומט ער א שם רע ווען זי מאכט דעם נדר?***

**ר' יואל אשר:** ס'איז אויך אינטערעסאנט, פארוואס ווען זי נדרה נישט צו בארגן גייען די שכנים טראכטן אז ער איז א קארגער? ניין. יא. פריער איז ער מאכט איר א שם רע, זי גייט נישט בארגן. און דא, ווען זי מאכט א נדר

**ר' יצחק:** אפשר ווייל זיי וועלן מיינען אז דער מאן האט עס געמאכט.

**ר' יואל אשר:** און פארוואס פריער, משיאה שם רע בשכנותיה?ביידע. דארטן גייט זי זאגן

**ר' יצחק:** אז זי וויל נישט,

**ר' יואל אשר:** און דער מאן לאזט נישט. איז משיאה שם רע בשכנותיה.

**ר' יצחק:** אקעי. נישט קיין חילוק, דער ווארט איז, פארביידע איז עס שלעכט, און ס'איז נישט קיין סתירה. ס'איז נישט קיין סתירה. אין אמת'ן האבן ביידע באקומען א שם רע. די ווארט איז, די הלכה איז אז ביידע קענען האבן די טענה.

## הלכה י"א — רדיד (גרויסע שאל) און דאס רעכט ארויסצוגיין

**ר' יצחק:** אקעי, יעצט גייען מיר לערנען נאך זאכן, איך ווייס נישט קלאר וויאזוי די הלכה, וויאזוי מען פרעימט די הלכה. הלכה י"א, אז אמאל דארף ער איר געבן נאך זאכן. עס איז דא פלעצער וואס דער מנהג איז אז מען גייט נאר אינדרויסן מיט עפעס א עקסטערע צודעק, דארף ער קויפן דאס אויך.

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם: **"מקומות"**, אין די פלעצער, **"שדרכן"**, איך מיין אראבישע פלעצער, יא? אזוי שטייט אז עטיפת ישמעאלים. אראבישע פלעצער וואס פרויען האבן אזא גרויסע שאל איבער די גאנצע באדי, **"שלא תצא אשה בשוק בכופה שעל ראשה בלבד, עד שיהיה עליה רדיד החופה את כל גופה כמו טלית"**,

**ר' יצחק:** א גרויסע שאל הייסט עס יעצט,

**ר' יואל אשר:** דארף ער דאס אויך געבן. **"נותן לה בכלל הכסות רדיד הפחות בכל הרדידים"**. דער מינימום, ער דארף נישט געבן די שענסטע רדידים.

**ר' יצחק:** **"ואם היה עשיר"**, שוין יעצט לערן.

**ר' יואל אשר:** **"ואם היה עשיר". "ואם היה עשיר, נותן לפי עשרו, כדי שתצא בו לבית האבל או לבית המשתה"**. זייער גוט. פארוואס איז עס אזוי וויכטיג?

**דיסקוסיע: צניעות vs. מענטשליכקייט — פארוואס דארף ער קויפן "ארויסגיי-קליידער"?**

**ר' יצחק:** אבער איך מיין מען דארף נישט אנקומען. דאס הייסט, ער ברענגט אז שפעטער גייט ארויס אז דאס איז א נושא פון צניעות, אז אויב דער מנהג איז אזוי, און זי גייט נישט מיט דעם, הייסט עס אן עבירה, ס'איז דת יהודית. אבער עס קען אויך זיין א נושא פון מענטשליכקייט. מען דארף נישט קיין צניעות, אויב דא גייט מען א רעשוואלקע, איך ווייס, עפעס א פרויערישע מקביל פון א רעשוואלקע, דארף ער דאס קויפן, ווייל זי זאל קענען גיין

**ר' יואל אשר:** צו א חתונה און אויסזען מענטשליך.

**ר' יצחק:** זאגט דער רמב"ם: וואלסטו געפרעגט א קשיא, וואס קומט אריין א פרוי גיין אינדרויסן, זאל די פרוי זיצן אינדערהיים, כל כבודה בת מלך פנימה? זאגט דער רמב"ם קומען,

**ר' יואל אשר:** און דא איז דא א שיעור.

**ר' יצחק:** דער רמב"ם זאגט... יא, דער רמב"ם זאגט מען ביידע זאכן, ער זאגט מיט א בעלן. איך מיין אבער... איך מיין אבער אז

ער הייבט אהן לפי...

**ר' יואל אשר:** דא איז א הסבר, פארוואס קען זי פאדערן אז ער מוז איר קויפן מלבושים וואס איז געמאכט נאר ארויסצוגיין אינדרויסן? אלע אנדערע מלבושים דארף זי אויך אינדערהיים, אבער דאס איז דאך ביי דעפינישן עפעס וואס מ'דעקט זיך צו ווען מ'גייט אין א רשות הרבים. אהמ. ס'קען זיין אז ס'איז טאקע עפעס נאר בשוק. יא, אין א... אין א כפר אפשר איז עס בכלל נישט אזוי וויכטיג. מ'רעדט א גרויסע פאבליק פלאץ. לבית האבל. אהמ. פארוואס... פארוואס זאל ער דארפן געבן עפעס? זאל ער זאגן, זיץ אינדערהיים, גיי נישט, גיי נישט. אהמ. דו זאגסט אז ס'איז א חלק פון כסות ווייל איך דארף ארויסגיין. ווער זאגט?

**דער רמב"ם'ס תשובה — דאס רעכט ארויסצוגיין**

זאגט דער רמב"ם: ניין, נישט אזוי, **לפי שכל אשה**, יעדע פרוי, **יש לה**, האט די רעכט, האט די זכות, **לצאת ולילך לבית אביה לבקרו**, זי קען פאדערן אז זי וויל גיין וויזיטן איר טאטע, **לבית האבל**... ממילא דארף זי ארויסגיין לשוק. **ולבית האבל**.

**ר' יצחק:** נישט לשוק, וואו שטייט לשוק?

**ר' יואל אשר:** ניין, איך זאג,

**ר' יצחק:** דארף... שטייט שוק.

**ר' יואל אשר:** שוק מיינט אין פאבליק, אין פאבליק. זאגסטו דאך אז לילך לבית אביה דארף זי ארויסגיין. דארף זי דאך דורכגיין, ארויסגיין. יא, יא. אינדרויסן. **ולבית האבל ולבית המשתה**, און איר דארף... און זי דארף האבן די רעכט ארויסצוגיין **לגמול חסד לרעיותיה ולקרובותיה**, טוהן... טוהן גוטס מיט אירע... מיט אירע פרענדס, גיין צו שמחות.

**ר' יצחק:** לגמול חסד מיינט העגינג אויט. ווייל חוץ פון דעם וואס א מצוה צו גיין צו א חתונה, צו א לוויה, צו א שבעה, דארפסטו דאך גיין סתם אזוי, זי דארף האבן חבר'טעס.

**ר' יואל אשר:** זייעטס, **כדי שיבואו הם לה**.

**ר' יצחק:** וועלכע מצוה איז... דרך אגב, וועלכע מצוה איז פארברענגען מיט א חבר? גמילות חסדים. דאס איז דער טייטש. איך... איך שטעל דיך צו א געשמאקע פארברענג, און דו שטעלסט מיך צו,

**ר' יואל אשר:** ס'גייט צוזאמען. עולם חסד יבנה אזא.

**ר' יצחק:** יא, דאס... ס'איז איינער. יא, כדי שיבואו הם לה.

**ר' יואל אשר:** לגמול, איך מיין לגמול מיינט באצאלן,

**ר' יצחק:** מ'מיינט וואטעווער צאלן.

## גמילות חסדים, סאציאלע באדערפענישן, און דער רעכט פון א פרוי ארויסצוגיין

### גמילות חסדים אלס סאציאלע רעציפראציטעט

**ר' יצחק:** ווייל חוץ פון דעם וואס איז א מצוה צו גיין צו א חתונה, צו א לויה, צו א שבעה, דארפסטו דאך גיין סתם אזוי,

**ר' יואל אשר:** דארפסט האבן חבר'טעס, כדי שיבואו הם לה.

**ר' יצחק:** וועלכע מצוה איז עס דרך אגב, וועלכע מצוה איז פארברענגען מיט א חבר? גמילות חסדים. דאס איז דער טייטש, איך איך שטעל דיך צו א געשמאקע פארברענג, און דו שטעלסט מיך צו, אזוי גייט די זאך.

**ר' יואל אשר:** עולם חסד יבנה אזא.

**ר' יצחק:** יא, שאינה, יא, כדי שיבואו הם לה.

**דער טייטש פון "לגמול" — צוריקצאלן סאציאלע חובות**

**ר' יואל אשר:** לגמול, איך מיין לגמול מיינט באצאלן, מיינט וואטעווער צאלן וואטעווער עס איז, צוריקגעבן דע סאושעל דידס,

**ר' יצחק:** סאושעל חובות, סאושעל מענטשליכקייט. מענטשן מיינען אז צו פארברענגען מיט חברים איז עפעס א דבר... עפעס א סתם א זאך. ווען ס'שטייט אין די גמרא גמילות חסדים, מיינט עס דאס. און עס איז דא גמילות חסדים, גמילות חסדים מיינט נישט העלפן א צווייטן. העלפן א צווייטן איז חסד, נישט גמילות. כ'ווייס נישט אויב מיין דיוק איז ריכטיג, אבער ס'איז זיכער דא אסאך מאל וואס שטייט גמילות חסדים וואס אין דא נישט אלע אין א שיעור, ס'מיינט עס א דבר טוב, ס'איז א מצוה צו

**ר' יואל אשר:** זיין א סאושעל מענטש.

**ר' יצחק:** פארברענגט זיך מיט אהבת חברים, עקזעקטלי, דאס איז טייטש גמילות חסדים,

**חסד איז נישט דווקא סעלפלעס**

**ר' יואל אשר:** און די גמרא הייסט דאס גמילות חסדים. יא, מיין מיין מיין דיוק איז געווען, לגמול חסד וואלט א מענטש מיינען מיי... אז אז זייער אסאך מענטשן האבן די אידיע אז חסד מיינט ווען ס'איז נישט סעלפיש,

**ר' יצחק:** ווען דו מיינסט יענעם.

**ר' יואל אשר:** אבער דא שטייט טון חסד פאר יענעם כדי מ'זאל צוריקטון פאר דיר, מ'גייט צו יענעמ'ס חתונה כדי מ'זאל צוריקטון, ס'איז א ראיה אז ס'איז נישט סעלפיש. ווען איינער גייט צו יענעמ'ס חתונה ווייל יענער איז א רחמנות, איז עפעס א אנדערע מין געגייעכץ, קיינער האט נישט הנאה פון די געגייעכץ. ווען מ'גייט ווייל איך וויל יענער זאל צוריקקומען, איז פשט אז ס'איז דא א העלטי רילעישענשיפ.

**ר' יצחק:** איך האב א רילעישענשיפ מיט יענעם, אזוי גייט עס, אז איך גיי צו זיין חתונה, גייט עס א חיוב,

**דער מאן'ס חיוב צו שטעלן צו בגדים פאר סאציאלע באדערפענישן**

**ר' יואל אשר:** ס'איז א מצות גמילות חסדים. ער זאגט, פארוואס דארף א מאן צושטעלן פאר די ווייב אויכעט וועש וואס איז מער א סאושעל ניד? ווייל א פרוי מעג זיין סאושעל, זי דארף זיין סאושעל צו גיין צו איר טאטע, צו גיין צו שמחות, און צו אנהאלטן אירע אירע קרייזן, אירע סאושעל סירקלס, כדי זיי זאלן קומען פאר איר. פארוואס? שאינה בבית הסוהר עד שלא תצא ולא

תבוא. מ'קען נישט איינשפארן א פרוי אין א דזשעיל. דער מאן איז נישט די ווייב'ס דזשעילער. אז קוק, איך האב דיך צוגעשטעלט א ד' על ד', זיץ דא! ניין, ס'איז נישט געגוג. א דזשעילער שטעלט אויך צו פאר די ארעסטאנט א ד' על ד'. דו דארפסט איר אבער אויך געבן אז זי זאל יא קענען זיין העלטי און ארויסגיין און...

**ר' יצחק:** ס'איז דא געווען מענטשן וואס האבן געמיינט אזוי ווי ס'שטייט אין גמרא, שעה נועל בפני אשתו ויוצא,

**באלאנסירן צווישן ארויסגיין און צניעות**

**דער רמב"ם'ס באלאנס**

**ר' יואל אשר:** נישט אזוי. זאגט דער רמב"ם, אבער יעצט וויל דער רמב"ם באלאנסן. אלע ליבעראלס האבן יעצט געגעבן א שפרינג אויף, אה זעסט? דער רמב"ם לאזט א פרוי ארויסגיין. נא נא נא, אבער נישט צופיל. **אבל גנאי הוא לאשה שתהיה יוצאה תמיד פעם בחוץ פעם ברחובות.** ס'איז א גנאי פאר א פרוי אז זי איז אייביג אינדרויסן, זי איז א גאסן פרוי. **ויש לבעל** פעם בחוץ פעם ברחובות איז א לשון פון פון נפתלי? משלי. אה, משלי. יא, יא, יא. דאס הייסט, דער רמב"ם בדווקא, מ'דארף נאכקוקן וואס ס'שטייט דארט אין דעם פסוק, ער ברענגט דאס מיינט סתם זיי גייען אין א גאסן, אזוי ווי דו זאגסט, זי דרייט זיך אין די גאסן. איך פארשטיי ביי מתן תורה פרויען פלעגן אזוי טון. ניין, איך ווייס נישט. אקעי. **ויש לבעל למנוע אשתו מזה,** דער מאן האט א רעכט, אדער אפשר א א ענין, ער זאל למנוע אשתו מזה, **ולא יניחנה לצאת,** ער זאל איר נישט לאזן אם ארויסגיין אזוי אסאך, **אלא כמו פעם אחת בחודש או פעמיים בחודש כפי הצורך.** ער זאל איר לאזן ארויסגיין ווי אפט ס'פעלט אויס. דער רמב"ם גיבט א וואך, אינטערעסאנט ווייל כפי הצורך איז א שטיקל א סתירה מיט פעם אחת בחודש או פעמיים. אבער דער רמב"ם זאגט זיין דוגמא. דאס הייסט מ'מאכט נישט קיין... ווענדט זיך וואו מען לעבט. אין וויליאמסבורג איז יעדע נאכט די חתונה ביזנעס. און אויב איז דאס איר סאושעל...

**ר' יצחק:** א חתונה פון דיינע קרובים?

**ר' יואל אשר:** נאכאמאל, דער דער דער רמב"ם מיינט דא צו מגביל זיין וויפיל, וואס די סאושעל... א פרוי וואס איז זייער א פאפולער פרוי, דו ווייסט, א פרוי וואס איז א רביצין און זי האט זייער אסאך אה ידידות.

**ר' יצחק:** ער זאגט וואס ער קוקט אן אלס נארמאל.

**ר' יואל אשר:** יא, וואס אין רמב"ם'ס צייטן האט געהייסן פעם אחת בחודש או פעמיים בחודש כפי הצורך, זאל ער איר לאזן ארויסגיין.

**"כל כבודה בת מלך פנימה" — פשט און דרש**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, **שאין יופי לאשה אלא לישב בזוית ביתה.** די שענסטע זאך פאר א פרוי איז ווען זי זיצט אינדערהיים, **שכך כתוב כל כבודה בת מלך פנימה.** דער כבוד פון א פרוי, פון א בת מלך, איז... איר כבוד ווייזט זי ארויס פנימה,

**ר' יצחק:** אינדערהיים. אקעי, ס'איז נישט די טייטש פון דעם פסוק, אבער על כל פנים על פי דרש.

**ר' יואל אשר:** וואס איז די פשוט'ער פשט פונעם פסוק כל כבודה בת מלך?

***דער פשט פון דעם פסוק אין תהלים מ"ה***

**ר' יצחק:** דער פסוק רעדט פון פון ברענגען די...

**ר' יואל אשר:** אקעי,

**ר' יצחק:** כבודה מיינט מיינט בעגעדזש, לאדענונג. כבודה מיינט די וועש, די בעגעדזש. דאס הייסט, רעדט ער רעדט דאך פון דעם אז דער מלך, וואס עס קומט צו אים אלע שיינע פרויען, אזוי ווי ס'שטייט דא אין דעם פסוק, יא? מ'מאכט אזוי ווי ס'שטייט אין דעם גאנצן פסוק. ס'איז אלעס א פסוק וואס הייסט אומר אני מעשי למלך, ס'איז א א שיר פאר דעם פאר דעם מלך, און דער שיר דעסקרייבט ווי בנות מלכים ביקרותיך, ס'איז קומען בנות מלך. און ער פארציילט, יא, דאס איז א פסוק פון די וואכעדיגע סדרה, פרשת לך לך, שמעי בת וראי והטי אזנך. דאס הייסט די ס'איז דא וואס זאגן אז דער מזמור, אז די אז תהילים מ"ה איז געשריבן געווארן פאר די חתונה פון שלמה המלך, אדער עפעס א מלך, כ'ווייס נישט ווען, דוד. עם דאס הייסט ווען ער האט חתונה, ס'קומט, אמאל האט ער חתונה מיט א פרוי פון דערווייטנס. זאגט מען פאר די מיידל, פארגעס פונדוואנעט ביזט געקומען, קום, ויתאו המלך יפיך כי הוא אדוניך והשתחוי לו. און דער פסוק דעסקרייבט, מ'קומט פון צור מיט מנחות. דאס הייסט, טעכניש מיידלעך קומען פון צור פאר דעם מלך, און מ'שלעפט אלעס אריין. "כל כבודה בת מלך פנימה" מ'ברענגט עס אלעס אריין "לרקמות תובל למלך בתולות אחריה רעותיה מובאות לך" מ'ברענגט נאך אירע חבר'טעס. בקיצור, ס'שטייט נישט דא אז זי זיצט אינדערהיים, ס'שטייט אז זי קומט אריין, די בת מלך, צו דעם מלך, אה מ'ברענגט איר ממשבצי זהב, מיט אלע מיני שיינע זאכן, אפשר קענסטו אפילו טייטשן כבודה מלשון כבוד, אבער די ווארט איז, די קאנטעקסט דא איז נישט אז זי זיצט אינדערהיים, די קאנטעקסט ווען מ'ברענגט איר צו דעם מלך, צו דעם, אה ווער עס איז דער מלך.

***דיסקוסיע: פארוואס ברענגט דער רמב"ם נישט "אשתך כגפן פוריה"?***

**ר' יואל אשר:** אקעי, אבער מן הסתם איז דא עפעס א דרש אין דעם, ס'איז עפעס א מדרש, צו וואס? אז א פרוי דארף זיין בצניעות,

**ר' יצחק:** זיצן אינדערהיים? יא,

**ר' יואל אשר:** איז נישט אה פארוואס ברענגט ער נישט "אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך", דאס איז ממש דער בזוית ביתה,

**ר' יצחק:** יא? אקעי, אפשר, אפשר איז דא איינער אנדערש וואס ברענגט יענעם פסוק. איך ווייס נישט.

**ר' יואל אשר:** אפשר קען מען עס יא לערנען אין דעם פסוק א ביסל,

**ר' יצחק:** שטייט דאך די ווארט פנימה, כאילו,

**ר' יואל אשר:** ס'קען זיין אז זוית ביתה מיינט אז זי זיצט אויך נישט קיין סאך אויף די רחבה. די רחבה איז ווען ס'פעלט אויס. נארמאלערהייט זיצט זי אויף די קאוטש אין די דיינינג רום, איך ווייס נישט.

**ר' יצחק:** איך ווייס נישט. א זוית? אין א ווינקל? דווקא אין א ווינקל? און אויב זי זיצט

**צניעות, ביזנעס, און מנהג המקום**

**ר' יואל אשר:** אינמיטן אה איך וויסן, איז אין די אין די אמאליגע צייטן איז נישט געווען אזא זאך ווי פרויען וואס זענען אינדרויסן ווייל זיי באקן? כ'מיין, ס'איז געווען פרויען בעיקערס אדער פרויען אה ביזנעס. שניידערס אדער בעיקערס האבן דאס געטון אינדערהיים?

**ר' יצחק:** האבן דאס געטון אינדערהיים? אפשר דאס איז אין א לאנד וואס איז, ניין, ס'קען אויפגעסעט ס'קען זיין פרויען האבן געהאט א ביזנעס, ס'קען אויפגעסעט ווערן אויף א צניעות'דיגן אופן. דער יצאנית מיינט עפעס זי דרייט זיך צווישן די מענער, יא? דאס איז דאך דער טייטש. היינט בכלל, אין די היימישע געגנט איז דאך נישט נוגע, זי קען ארויסגיין מיט אירע חבר'טעס א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט. זי דרייט זיך נישט צווישן מענער בכלל. יצאנית מיינט אז זי דרייט זיך ביי די, אזוי ווי די הענגאוטס, ווי די יונגלעך דרייען זיך.

*דיסקוסיע: וואס מיינט "פעם אחת בחודש או פעמיים"?*

**ר' יואל אשר:** איך טראכט אפשר אז דער "ולא יניחה לצאת אלא כמו פעם אחת בחודש" מיינט ווען זי האט נישט קיין, ווען זי דארף גיין בית אביה אדער בית האבל, בית המשתה איז ווי אפט ס'געשעט. אויב זי האט פרענדס שטארבעס, וואס מען דארף א גאנצע צייט מנחם אבל זיין, זאל זי גיין. ווען ס'פעלט אויס, ס'איז דאך א מצוה. אבער אויב נישט, סתם פאר איר זיך צו לופטערן, מוז זי ארויסגיין עט ליסט איינמאל, צוויי מאל א חודש, ווייל זי זיצט שוין צו לאנג אינדערהיים.

**ר' יצחק:** איך מיין אז דאס איז א דוחק. ס'זעט אויס אז דער רמב"ם קוקט אן, ווי א סאך, ווי אפט דארפסטו גיין וויזיטן דיין טאטע? דארפסט געדענקען, היינט א וויזיט מיינט מען גייט פאר דריי מינוט. דעמאלטס האט עס געמיינט מ'גייט פאר א טאג. איך ווייס נישט.

**ר' יואל אשר:** ס'איז נישט א אה עס קען זיין אז די גאנ דאס וואס ער הייבט אן מיט "מקומות שדרכן" גייט ארויף אויף ביז סוף פון הלכה י"ב. ס'איז דא די מקומות וואו מען דעקט צו די פרויען, און אויב מען גייט אנדערש ווי די סטענדערדס איז עס מאדנע. אבער אין פלעצער וואו מען דעקט נישט צו און וואו מען זיצט נישט אינדערהיים, איז אויך נישט דא דער "כל כבודה בת מלך פנימה" אויף דעם אופן. שטימט וואס איך זאג?

**ר' יצחק:** ס'האט געקרעשט, ס'האט געפראוזן, מיינט דאס עפעס דא מאכט פריזן, כ'ווייס נישט פארוואס. עניוועיס, עם, ס'שטימט אבער ס'איז נישט אמת. אה, ס'איז דא, דער רמב"ם אין אן אנדערע פלאץ ברענגט, אז ס'איז דא מקומות וואס די פרויען דרייען זיך אין די גאסן און וואס זיי דרייען זיך נישט. כ'געדענק, פארוואס צייכנט קיינער עס נישט צו דא ווייס איך נישט. אבער איך געדענק אז ס'איז דא אן אנדערע פלאץ וואו ער רעדט פון דעם בפירוש. ווייל דאס איז אויך תלוי. ס'איז זיכער אז מ'רעדט דאך מנהג המקום, וואס קען מען טון, אבער ס'איז דא פלעצער וואס מ'גייט נישט ארויס מיט א רדיד. דארט אין יענע פלעצער איז אויך דא "כל כבודה בת מלך פנימה", באט אי דאנט נאו. ס'איז דא אן אנדערע פלאץ, כ'געדענק נישט, זיי ברענגען עס נישט דא, מ'וועט אנקומען דערצו שפעטער.

*דיגרעסיע: רבקה אמנו און פרויען'ס סאציאלע לעבן*

**ר' יואל אשר:** אפילו אונז לערנען יא, קומענדיגע וואך, עם, רבקה איז געגאנגען מיט די שעפעלעך, יא. אפשר נאר א חתונה געהאט פרוי, א מיידל פלעגט יא זיך דרייען. ס'איז געגאנגען מיט די שעפעלעך, ס'מיינט יעדן טאג איז זי ארויסגעגאנגען מיט די שעפעלעך, זי האט זיך געדרייט מיט די פאסטעכער יא, אבער נישט מיט די מענער. מיט די פאסטעכער האט זי זיך געדרייט,

**ר' יצחק:** דארטן געבן צו טרינקען פאר די. נישט א גאנצע טאג, ז'האט זיך געדרייט אליינס, כ'ווייס נישט. אגען, יעדע זאך איז לויט די סאושעל ריעליטי. נישט יעדע סאושעל ריעליטי איז אויסגעהאלטן, באט דאס איז שוין נאך א נושא. מ'רעדט דאך אז זי זאל נישט זיין פון די מער יצאניות.

*צניעות אלס כבוד און קלאס*

**ר' יואל אשר:** אבער ס'איז אינטערעסאנט, און אפילו די איינמאל אין צוויי וואכן זאל זי גיין צוגעדעקט אינגאנצן. יא, לויט דעם מנהג.

**ר' יצחק:** ווייל מ'גייט נישט אינדרויסן אן קיין רעקל,

**ר' יואל אשר:** דאס איז ס'איז מער ווי א רעקל, ס'איז דאך צוגעדעקט, מ'רעדט דא פון א הידזשאב נישט קיין רעקל.

**ר' יצחק:** נו ביי אונז אין לעיקוואוד איז איינגעפירט על פי רוב אז די מענער גייען ארויס נאר מיט א הוט און די פרויען פירן זיך נישט, סאו די מענער זענען מער צניעות'דיג. כ'ווייס נישט וואס עס האט צו טון, ס'איז פאני, ס'וואלט געדארפט זיין פארקערט. אפשר אויך, אפשר נישט פארקערט, כ'ווייס נישט. כ'זאג נאר, דו קוקסט עס אן אלס א נושא פון צניעות. ס'איז אויך א נושא פון מענטשליכקייט. מ'גייט נישט אינדרויסן, אזוי ווי א חשוב'ע רב גייט נישט ארויס אן א רעזשוואלקע.

**ר' יואל אשר:** פרוי זאל האלטן איר הויכע לעוועל פון קלעס. ס'איז טאקע א פרוי וואס

**ר' יצחק:** דו זעסט איר א גאנצע צייט איז זי נישט די ס'איז קלעס, ס'איז די אלע זאכן. אקעי, ס'איז אן אנדערע שמועס. אקעי, אונז לערנען נישט הלכות צניעות, לאמיר גיין ווייטער.

**הלכה י"ד: המדיר את אשתו שלא תלך לבית אביה**

**ווען דער טאטע וואוינט אין דער זעלבער שטאט**

**ר' יואל אשר:** "המדיר את אשתו", יעצט, אז מ'האט געלערנט אז א פרוי האט א רעכטס ארויסצוגיין צו איר טאטע מפעם לפעם, וואס איז אויב דער מאן לאזט נישט?

**ר' יואל אשר:** המדיר את אשתו שלא תלך לבית אביה, זאל נישט גיין צו איר טאטע, איז בזמן שהן עמה בעיר, ווען זיי וואוינען אין איין שטאט.

**ר' יצחק:** דער טאטע מיט דער... דער טאטע מיט דער טאכטער.

**ר' יואל אשר:** איז חודש אחד ממתינין לו. ביז איין חודש געבט מען אים, אקעי, איין חודש, ער האט א אישו מיט זיין שווער, זאל מען זיך דורכקומען. אבער שנים, איינמאל ס'שוין צוויי חדשים, יוציא ויתן כתובה, ווייל צוויי חדשים הייסט מען אים שוין... יא.

**ר' יצחק:** דאס הייסט, א פרוי האט א רעכט כאילו מינימום צו גיין א מאל א חודש צו איר טאטע. דאס איז ווען זיי וואוינען אין...

**ווען דער טאטע וואוינט אין אן אנדערע שטאט**

**ר' יואל אשר:** איך שטעלן דער רמב"ם האט דא אויסגע'פסק'נט, ווייל אין די משנה שטייט רגל אחד און נאכדעם שטייט שלשה. און דארטן איז דא וואס זאגן אז ביי צוויי הייבט מען אן דן זיין.

**ר' יצחק:** דער רמב"ם רעדט דא, אבער דו רעדסט טאקע דאך,

**ר' יואל אשר:** דו רעדסט פון די נעקסטע, ובזמן שהן בעיר אחרת. בזמן שהן בעיר אחרת. רגל אחד ממתינין לו, איין יום טוב. ווייל יום טוב ווייל יא א פרוי גיין צו איר טאטע. אפשר פאר דעם דארף זי א נייע שיך. שנים, אויב ער האלט איר אפ צוויי ימים טובים פון גיין צו די טאטע, איז יוציא ויתן כתובה.

**ר' יצחק:** זייער גוט. און דא לערנט מען זיך אז דער מאן דארף לאזן די ווייב גיין צו די טאטע פאר יום טוב.

***דיסקוסיע: מיינט עס אז דער מאן דארף מיטגיין?***

**ר' יואל אשר:** נישט לאזן,

**ר' יצחק:** ער דארף מיטגיין. ניין, שטייט נישט דא. אויב ער וויל איר נישט לאזן אליין, ס'אן אנדערע נושא. ער דארף איר לאזן. אקעי. איך ווייס נישט וואס איז געווען דעמאלטס די סדר. אפשר מיינט עס גיין וויזיטן אויף א סעודה פאר א נאכמיטאג?

**ר' יואל אשר:** ניין, בעיר אחרת מיינט לכאורה אהיימפארן, קיין קשיא. די סדר איז אז זי פארט

**ר' יצחק:** אויף א טאג צום טאטן אין חול המועד, עס מיינט נישט אז זיי פארן אויף יום טוב, דאס איז אן, עס ווענדט זיך דאך לפי המ... אגען, דאס איז שוין דער מנהג.

**ר' יואל אשר:** לפי המעשה, אבער א מענטש קען נישט איינשפארן זיין ווייב.

**ר' יצחק:** שוין. דאס הייסט, איינשפארן בכלל קען ער נישט, אזוי ווי מ'האט גערעדט.

**דיני מדור והתנהגות בין איש לאשתו — חלק ג'**

**הלכה: נדר שלא תלך לבית האבל או לבית המשתה**

**ר' יואל אשר:** ווייטער. **"המדיר את אשתו שלא תלך לבית האבל ולבית המשתה"**,

**ר' יצחק:** יא? זי זאל קיינמאל נישט גיין אויף חתונות אדער אויף שבעות.

**ר' יואל אשר:** האט ער דאס נאכנישט געזאגט? ניין, פריער האט ער געזאגט אז... אז א מאן האט געהאט א רעכט. יא, ממילא וואס קומט יעצט ארויס דערפון? ער מאכט א נדר זי זאל נישט גיין לבית האבל או לבית המשתה, איז געבט מען אים די אפשן **"או יתיר נדרו או יוציא ויתן כתובה"**. פארוואס? ווייל דער רמב"ם האט דאך פריער געזאגט אז א מאן איז נישט דער jailer פון די ווייב, א מאן קען נישט איינשפארן א ווייב אין תפיסה, **"שזה כמי שאסרה בבית הסוהר"**, רייט? **"ונעל בפניה"**. ס'איז אזוי ווי ער שפארט איר איין אין א... אין דזשעיל קען מען נישט גיין צו חתונות,

**ר' יצחק:** אינדערהיים קען מען גיין.

**הפרש בין נדר כללי לנדר ספציפי**

**ר' יואל אשר:** אבער **"ואם"**, אבער אויב האט ער א לעדזשיטימעט טענה פארוואס ער וויל נישט זי זאל גיין צו א געוויסע בית המשתה, **"מפני בני אדם פרוצין שיש באותו"**, איך מיין די ווארט באותו איז וויכטיג, **"שיש באותו בית האבל או בבית המשתה, והוחזקו שם פרוצין"**, ס'איז טאקע אמת, **"והוחזקו שם פרוצין, שומעין לו"**.

זייער וויכטיג, ווייל די language וואס דער רמב"ם זאגט עס, איך מיין אפשר אנדערש ווי די לשון המשנה, איז נישט סתם, ער קען נישט זאגן "איך לאז דיך נישט גיין צו בית האבל'ס ווייל אין אלע פלעצער איז דא פרוצים". אזוי ווי לאמיר זאגן היינט אויב א מאן וואלט מדקדק געווען ווי א רשע וואס לאז נישט זיין ווייב ארויסגיין, אויב איז דא אזא מענטש.

**ר' יצחק:** דאס איז אין דעי געגנט, אין דעי חתונה,

**ר' יואל אשר:** דאס איז די משפחה. אבער ספעציפיק, ער ווייסט, און ס'איז טאקע הוחזקו שם פרוצין, דעמאלטס איז יא שומעין לו.

אהמ. איך דערמאן מיך אז אין די, אז ס'איז געווען צייטן ווען מ'האט ממש זייער ווייניק ארויסגעלאזט די ווייב, יא? די צוואה פון דער גר"א מ'זאל נישט גיין אין שוהל אפילו יום טוב ווייל מ'רעדט לשון הרע'ס. ס'איז געווען א, it was a thing.

**הגמרא'ס הסבר על בית האבל**

**ר' יצחק:** אקעי. שוין. דא שטייט... יא, זאגט דער רמב"ם... אגב דער רמב"ם ברענגט דער ענין לשון בית הסוהר, ס'איז א משנה. די משנה שטייט פארוואס יוציא? ווייל מפני שנעל בפניה. מפני שנעל בפניה. אזוי שטייט אין די הייליגע משנה.

און, און וויאזוי הייסט עס? און די גמרא זאגט אז בית המשתה פארשטייט ער. אבער וואס איז בית האבל? אפשר ווייל זי נישט גיין? זאגט די גמרא אז בית האבל מיינט אז ביי איר לוויה גייט

קיינער נישט קומען. ס'גייט זיין נעילה, ביי איר אייגענע לוויה גייט קיינער נישט קומען, ווייל זי גייט נישט צו קיינער'ס לוויות.

**ר' יואל אשר:** בעצם, אונז ווייסן דאך שוין די אלע זאכן פון די זאך "שמשיאה שם רע בשכנותיה". עניטינג וואס ער צווינגט איר, וואס זי גייט אויסקוקן ווירד ביי די נעיבארס, האט זי די טענה. בעצם,

**ר' יצחק:** ס'איז די זעלבע זאך. דא, ניין. יענע'ס א סתם, דא א רעכט. א מענטש האט א רעכט צו גיין צו חתונות, און נישט, איז עס אין תפיסה. יא. זייער גוט. אקעי,

**ר' יואל אשר:** ס'איז א קידנעפינג אזא.

**ר' יצחק:** יא.

**הלכה: אין רצוני שיבואו לביתי משפחתה**

יעצט, וואס איז פארקערט? אויב עפעס זאגט אז איר טאטע זאל נישט קומען צו איר,

**ר' יואל אשר:** נישט די שאלה איז צו זי זאל ארויסגיין, נאר די שאלה איז צו מ'קען קומען צו איר הויז. זאגט זי "ס'איז דאך אויך מיין הויז? איך קען אויפנעמען וויזיטארס". **האומר לאשתו "אין רצוני שיבואו לביתי אביך ואמך, אחיך ואחיותיך"**, איך וויל נישט דיין לאנג פעמילי זאל קומען אין מיין הויז. איז דעמאלטס יא שומעין לו, אזויפיל רעכט האט ער יא אויף זיין הויז אז זיי זאלן נישט קומען אין זיין הויז.

**ר' יצחק:** זעסטו אז זי וואוינט יא אין זיין הויז?

**ר' יואל אשר:** אפשר טאקע רעדט מען באופן...

**ר' יצחק:** ותהיה...

**היא הולכת להן כשיארע להן דבר**

**ר' יואל אשר:** אויב זי האט נאר א ד' על ד', קען זי דאך נישט אויפנעמען, קומט זי אריבער צו זיין הויז. שומעין לו. וואס יא? אבער ער קען דאך איר נישט אסר'ן פון גיין, אזוי ווי מ'האט געלערנט. **ותהיה היא הולכת להן כשיארע להן דבר**, ווען ס'איז דא א סיבה, ווען ס'איז דא עפעס א מאורע, וועט זי גיין צו אהין. אנשטאט זיי זאלן קומען צו אים, און וואס איז די גדר? האבן מיר שוין געלערנט אז עט ליסט איינמאל א חודש. **ותלך לבית אביה פעם בחודש ובכל רגל ורגל.**

**ר' יצחק:** חוץ פון די יארע לה דבר. א, דא זעסטו יא אז ס'איז עקסטער. אויב ס'וועט זיין עפעס א שמחה אין די משפחה וועט זי גיין אוודאי, און חוץ פון דעם קען זי גיין יעדע חודש אדער יעדע יום טוב.

**ר' יואל אשר:** אבער **לא ייכנסו הן לה**,

**ר' יצחק:** אבער זיי זאלן נישט אריינקומען צו איר.

**אלא אם אירע לה דבר**

**ר' יואל אשר: אלא אם אירע לה דבר כגון חולי או לידה**, אויב ס'איז געשען צו איר א חולי אדער א לידה,

**ר' יצחק:** זיי דארפן קומען צו איר, ס'איז נישט קיין אזא זאך וואס זי קען גיין. זי האט יעצט געבוירן א קינד, דעמאלטס קען ער אויך נישט...

**ר' יואל אשר:** רייט, איז דאס איז טאף. דעמאלטס איז האט זי יא א רעכט. פארוואס? **"אין כופין את האדם שייכנסו אחרים לרשותו"**, מ'קען נישט צווינגען א מענטש מ'זאל קומען אין זיין רשות, טייטש, ער איז א רשע אויב ער לאזט נישט זיין ווייב גיין צו די, צו איר טאטע, אבער ער איז נישט קיין רשע אז ער לאזט נישט איר טאטע אריינקומען אין זיין הויז, אזוי ווי ס'איז זיין פרייוועסי, ער וויל נישט ער זאל קומען אין זיין הויז און מ'וועט אים טשעקן, אה, דעם ספר האסטו, היתכן? וואטעווער, א מענטש קומט אריין אין יענעמ'ס הויז און קען, קען הערן פארוואס ער זאל נישט לאזן די

**ר' יצחק:** שוויגער זיך דרייען אונטער די פיס. אויב זי האט נישט קיין וועג ארויס, ווייל ער דארף איר לאזן האבן א רילעישן מיט איר פעמילי, נארמאל אנשטאט זאלן גיין צו אים, זאל זי גיין צו זיי, נא פראבלעם. אויב זי האט געהאט א בעיבי, זי קען נישט גיין צו זיי, מוז ער איר יא לאזן, ווייל דעמאלטס דאס אז זי מוז האבן א רילעישענשיפ איז גובר אויף דעם וואס ס'איז זיין הויז.

**דיסקוסיע: האם זה נדר או סתם אמירה?**

**ר' יואל אשר:** אבער איך וויל פארשטיין, דא רעדט מען נישט פון קיין נדרים, דא זאגט מען סתם "האומר לאשתו". איז, איז, איז אזוי, ער דארף נישט מאכן קיין נדר,

**ר' יצחק:** ער קען סתם אזוי בעטן.

**ר' יואל אשר:** אה, די ווארט איז אזוי, אויב די ווייב טענה'ט, איך קען נישט אייביג גיין צו זיי, איך דארף אמאל זאלן זיי קומען צו מיר. איז קען ער טענה'ן אזוי: דו דארפסט דאך נישט גיין מער ווי איינמאל א חודש. די איינמאל א חודש וועסטו גיין צו זיי. אבער איך מיין נישט צו זאגן אז ער קען איר, ער קען איר צוריקהאלטן. טייטש זי מוז אים פאלגן ווען ער זאגט איך וויל דו זאלסט נאר ארויסגיין איינמאל א חודש, וואס איז די חיוב, וואס איז די חיוב פון כבד את בעלך, יא?

**ר' יצחק:** ניין, אבער ער האט א רעכט צו זיין, צו זיין... ער פארשפארט די טיר, ס'איז דאך זיין הויז, ער פארשפארט די טיר, ער לאזט נישט.

**ר' יואל אשר:** ניין, ניין, איך רעד פון איר ארויסגיין, "ותלך לבית אביה פעם בחודש". ניין, "ותלך לבית אביה" דאך שוין ווען זי וויל, ער קען דאך איר נישט, פריער האבן מיר דארט געלערנט ער קען איר איינשפארן.

**ר' יצחק:** ניין, דער רמב"ם זאגט אז אזוי פיל האט זי א רעכט, זי האט א רעכט צו גיין איינמאל

**ר' יואל אשר:** א חודש צו די...

**ר' יצחק:** יא.

**ר' יואל אשר:** אדער וואטעווער די סדר נארמאל איז.

**הלכה: היא שאמרה אין רצוני שתיכנס אצלי משפחתו**

**"וכן"**, די זעלבע זאך פאר **"היא שאמרה"**, דא איז א גרעסערע חידוש. ס'איז נישט נאר ווייל ער איז דער בעל הבית פון די הויז, נאר זי קען אויך זאגן **"אין רצוני שתיכנס אצלי אמך ואחותך"**, כ'וויל נישט דיין שוועסטער אדער דיין מאמע, אינטערעסאנט, דא האט ער ארויסגעלאזט אביך און אחיך. ס'איז די ווייבער וואס זי האט א פראבלעם,

**ר' יצחק:** זי האט א פראבלעם מיט די, די מענער קומען עניוועי נישט צו איר.

**ר' יואל אשר:** כ'וויל נישט זיי זאלן קומען **"ואיני שוכנת עמהן בחצר אחת"**, כ'וויל נישט זיין פארבערענגען מיט זיי, **"מפני שמרעין לי ומצרין לי"**, זיי טשעפען מיך. איז שומעין לו, פארוואס? **שאין כופין את האדם, שישבו אחרים עמו ברשותו.** מען קען נישט צווינגען א מענטש אנדערע מענטשן זאלן זאלן אהה זאלן זיצן צוזאמען מיט זיי אין די רשות. זייער גוט.

**תשובת הגאונים: לחיים נתנה ולא לצער**

**ר' יצחק:** מיט אנדערע ווערטער, ער מוז איר ער מוז איר קויפן אן אנדערע דירה, ער מוז איר, זיי מוזן מופן, ווייל מ'קען נישט צווינגען א פרוי צו וואוינען נעבן זיין משפחה אויב זיי האבן זיך נישט, זיי געבן זיך נישט קיין עצה. ער זאגט דא א תשובת הגאונים וואס זאגט אויף דעם א מקור, אז ס'שטייט כי היא היתה אם כל חי, אז **לחיים נתנה ולא לצער.** א פרוי אהה דארף האבן צער? נישט, דארף האבן לעבן, מ'קען נישט זיין קיין, מצער זיין א פרוי. אינטערעסאנט.

**הראב"ד: חילוק בין באו היא בגבולן לבין הם באו לה**

דער אייביש... דער דער ראב"ד איז עפעס מחלק, יא? מה ס'איז אמת? דער ראב"ד איז מחלק?

**ר' יואל אשר:** ס'איז מח... אינטערעסאנט. אויך פריער ווען ס'איז געשטאנען וויש לבעל למנוע. וואס מיינט די ווערטער? ער האט די רעכט איר צוריקצוהאלטן. ס'טייטש, פיזיקלי, און אויב זי פייט זיך... ס'שטייט דאך נישט דא אז זי מוז אים פאלגן.

**ר' יצחק:** זי זאל אים פאלגן.

**ר' יואל אשר:** ס'טייטש, אויב קומט עס אן צו בית דין, זאל בית דין זאגן ער האט א פוינט.

**ר' יצחק:** אז מען פאלגט דעם מאן, אז מען פאלגט דעם מאן. וואס איז די שאלה? אויף דעם דארף מען נישט קיין ראיה.

**ר' יואל אשר:** ניין, ווייל אונז האבן געהאט אזוי, אונז האבן געהאט רעכטן וואס ער האט, ס'טייטש ער זאל זיי צושטעלן א דירה אדער א נדר וואס ער האט געמאכט. אבער דא איז שוין שומעין לו, כאילו זי דארף אים פאלגן.

**ר' יצחק:** נאך נישט קיין ראיה אז מען דארף פאלגן דעם מאן. זי קומט אין די תורה פרעגן צו ער האט א רעכט, יא, ער זאגט די זאך. אהה דאס איז די שאלה, זאכן וואס ער האט נישט קיין רעכט, זאגט דער בית דין, ניין, ווארפן אן.

דער ראב"ד אבער איז נישט מסכים אויף דעם. דער ראב"ד זאגט אז דאס אז מ'קען, זי קען טענה'ן אז זי וויל נישט וואוינען מיט זיין מיט זיין שוועסטער, איז נאר אויב זיי קומען צו אים. אהה איך הער שוין. אויב זיי האבן לכתחילה געגאנגען וואוינען צו זיי, אהה אם באו היא בגבולן, וואס זאל מען טון? זאל מען זיי אוועקשיקן פון זייער הויז ווייל זי איז געקומען דארט וואוינען? כ'האב געמיינט אז ס'מיינט ער דארף גיין ערגעץ אנדערש קויפן.

**ר' יואל אשר:** מיט דעם מיט דעם מדור, ווילאנג זי איז העפי מיט די שוויגער, קען זאגן דאס איז דיין מדור, אבער אז זי איז נישט העפי מיט די מדור, מיט זיצן מיט די שוויגער...

**ר' יצחק:** וואס וויל דער ראב"ד?

**ר' יואל אשר:** עפעס וויל ער דער הייליגער ראב"ד.

**ר' יצחק:** שטייט טאקע נישט. ס'איז משמע, ס'הייסט, אונז האבן אריינגעלערנט אין דעם רמב"ם אז ער דארף איר קויפן אן אנדערע דירה. אבער ס'שטייט נישט אין דעם רמב"ם דאס. ס'שטייט אין דעם רמב"ם כאילו אז מ'ווארפט זיי ארויס. אויף דעם איז דער רמב"ם נישט, דער ראב"ד נישט מסכים.

**ר' יואל אשר:** זאגט דער ראב"ד, דאס איז טאקע ווען ס'איז זיין הויז, קען זי פאדערן לאז נישט אריין אנדערע מענטשן אויסער מיר.

**ר' יצחק:** ניין, דער ראב"ד זאגט אפילו ווען ס'איז זיינע הויז, אבער ער וויל יא זיין שוועסטער דא. זיין ווייב וויל נישט. דעמאלטס קען זי נישט. דער ראב"ד זאגט, קענסט זיי בעטן זיי זאלן נישט טשעפענען. אבער קענסט זיי נישט הייסן אוועקגיין. אזוי זאגט דער ראב"ד.

**דיסקוסיע: האם זה חלק מדין מדור?**

**ר' יואל אשר:** פארוואס זאל נישט דאס זיין א חלק פון דער דין מדור אז ער זאל איר צושטעלן א הויז וואו זי איז העפי?

**ר' יצחק:** אפשר. האב איך געטראכט, איך ווייס נישט. אז ס'איז נישט קיין טענה.

**ר' יואל אשר:** וואס זאגט למשל דער מגיד משנה אויף דער ראב"ד?

**ר' יצחק:** דאס איז אפשר וואס דער ראב"ד האט געטראכט, אז ס'איז נישט קיין טענה. דער רמב"ם, אפשר טאקע ווענן דעם האלט דער רמב"ם אז יא. דער ראב"ד זאגט אז ס'איז נישט קיין וועג. איך ווייס נישט.

**ר' יואל אשר:** נישט קלאר. יפה כוחם,

**ר' יצחק:** כל אחד זאגט סברות. איך זעה נישט. אהמ. דער מגיד משנה איז אביסל מסכים מיט דער ראב"ד. זאגט אז ס'ווענדט זיך. דער בית דין דארף זעהן צו זיי טשעפענען טאקע אזוי שטארק אדער נישט. I don't know.

**פראקטישע שאלה: שוויגער אלמנה וואס מאכט פאניק**

**ר' יואל אשר:** דאס איז אקטשעלי שאלות וואס איינער האט מיך נעכטן געריפן פרעגן, אלס איר כיבוד אב, כיבוד אם, וואטעווער,

די שוויגער אן אלמנה, באט יעדע מאל זי קומט מאכט זי פאניק צו אים, זי טרעפט קריטיק. האב איך איהר נאכגעזאגט דער רמב"ם אז א מענטש קען זי קען האבן א טענה אדער ער קען האבן א טענה. מ'דארף וויסן, מ'דארף זיין איידל מיט דעם. ס'איז נישט פשוט.

**ר' יצחק:** שוין.

**אנהויב פון דיסקוסיע: קאנפליקט וואו צו וואוינען**

אקעי, יעצט האבן מיר געלערנט אז מ'דארף קויפן א דירה פאר די פרוי. גייען אונז לערנען א באנטש פון הלכות, יא? די רעסט פון דער פרק, אז ווען ס'איז דא א קאנפליקט וואו מ'זאל וואוינען. ווער איז גערעכט? אלע שומעין לו דא לכאורה מיינט אז דער בית דין וועט פסק'ענען אז זיי זאלן...

**ר' יואל אשר:** שומעין לו מיינט אז דער בית דין

**ר' יצחק:** הערט אויס זיין טענה, דער בית דין נעמט אן זיין טענה.

**שאלה: וואס מיינט "שומעין לו" פראקטיש?**

ניין, מ'דארף טאקע פרעגן דעם... פארשטיין דא בעסער, ווייל אונז האבן גערעדט פריער למשל אז ס'איז דא אזא זאך ווי די מענטשן גייען אין בית דין צו זיי דארפן געבן א גט, צו זיי זענען בשלום בית. דאס הייסט, א רוב הלכות איז צו ער קען מוציא זיין אן א כתובה, צו... יא? דאס הייסט, א מענטש האט אלעמאל א רעכט צו מגרש זיין זיין ווייב, סך הכל דארף ער געבן א כתובה. יא? יעצט, דא ביי די אלע שומעין לו'ס, ס'שטייט נישט... און ער זאגט דא אויב נישט, וואס געשעהט?

## הלכות אישות: שומעין לו, מדור, וארצות

**הלכה: פירוש "שומעין לו" — מוציא בלא כתובה**

**ר' יצחק:** ניין, מ'דארף טאקע פרעגן דעם, פארשטיין דא בעסער, ווייל אונז האבן גערעדט פריער למשל ס'דא אזא זאך ווי די מענטשן גייען אין בית דין צו זיי דארפן געבן א גט, צו שלום בית. ס'הייסט, א רוב הלכות איז צו ער קען מוציא זיין אן א כתובה, צו... יא? ס'הייסט א מענטש האט אלעמאל א רעכט צו מגרש זיין זיין ווייב, סך הכל, דארף ער געבן א כתובה. יא?

יעצט דא ווען די אלע שומעין לו'ס, ס'שטייט נישט און ער זאגט אויב נישט, וואס געשענט? קען איר מוציא זיין אן א כתובה. דאס איז לכאורה די טייטש פון אלע שומעין לו דא מיינט, אז ער איז גערעכט, ממילא ער זאגט, אויב זי עקשנ'ט זיך, באקומט זי א גט אן א כתובה. דאס איז די טייטש שומעין לו, רייט? ער קען טרעטענען מיט דעם, ס'הייסט ער קען דאס טון.

אזוי מיין איך, ניין? ס'איז סתם... ס'נישטא, דאס געהאלטן אין זינען, ס'נישטא אין שולחן ערוך אין די הלכות געהעריג א קעיס, אז דער בית דין גייט פארהייסן פאר די ווייב, איך מיין דאס בתור עצה טובה, אבער שומעין לו מיינט אלעמאל אז דערפאר האט ער א רעכט איר צו מוציא זיין.

**ר' יואל אשר:** ס'מוז זיין אזוי, ווייל שומעין לו מיינט, ווען נישט וואלט נישט געשטאנען שומעין לו, וואלט געשטאנען דעמאלטס איז ער גערעכט. שומעין לו מיינט, מ'דארף גיין צו דער בית דין און מ'דארף עס זאגן, און ער זאל זאגן

**ר' יצחק:** נעם עס אן און

**ר' יואל אשר:** ער זאל נישט קענען גט'ן.

**ר' יצחק:** רייט, אזוי מיין איך. רייט.

**הלכה: האיש שאמר איני דר במדור זה — שכנים רעים או פרוצים**

**ר' יואל אשר: האיש שאמר איני דר במדור זה מפני שבני אדם רעים או פרוצים או גויים בשכונתי.** כ'וויל נישט וואוינען דארטן, ווי כ'וועל וואוינען אין איין אפארטמענט בילדינג אדער אין איין געגנט, אין איין פלאץ מיט שלעכטע מענטשן. שלעכטע מענטשן מיינט סתם שלעכטע מידות, יא, או גויים.

**ר' יצחק:** פרוצים געווענליך מיינט בעבירה, יא?

**ר' יואל אשר:** יא, יא, ערווה, אזעלכע זאכן, עריות. **או גויים בשכונתי, ואני מתיירא מהן.** כ'האב פשוט מורא פון זיי.

**ר' יצחק:** יא, כ'האב מורא פון די פרוצים,

**ר' יואל אשר:** אז כ'וועל ווערן אזוי ווי זיי. ניין, ואני מתיירא מהן מיינט אפילו אויב זיי זענען נישט רעים או פרוצים, כ'האב מורא פון די מענטשן פאר סאם ריזן. **שומעין לו,** זאגט דער רמב"ם, **אף על פי שלא הוחזקו בפריצות.** אה, אינטערעסאנט, ווייל פריער האט ער געזאגט אז צוריקהאלטן א פרוי פון גיין לבית האבל איז נאר ווען הוחזקו בפריצות. אבער אזא פאל קען א מענטש פאדערן אז איך וויל נישט גיין דארטן וואוינען, **שכך ציוו חכמים הרחק משכן רע.**

**דיון: וואס איז די נושא דא?**

**ר' יואל אשר:** פון וואס רעדט מען דא בכלל נאכאמאל? דער מאן האט א חיוב צוצושטעלן פאר די ווייב א מדור, יא? וואס איז די נושא דא? דא רעדט מען אז ווען ס'איז דא א פייט, זי זאגט, "קום וואוינען אין מיין הויז."

**ר' יצחק:** קוק, "ואפילו היה המדור שלה",

**ר' יואל אשר: אפילו היה המדור שלה,** אפילו דאס איז איר וואוינונג, און זי וויל דארטן וואוינען.

**ר' יצחק:** ער וויל נישט וואוינען מיינט אז ער הייסט איר אויך וואוינען, און זי זאגט, "איך וויל יא דא וואוינען".

**ר' יואל אשר:** אה, ער האט חתונה געהאט מיט איר, זי זאגט, "איך בין זייער באקוועם אין מיין דירה, קענסט קומען דא וואוינען מיט מיר". אבער האט ער די רעכט אז, "איך האב חתונה געהאט מיט דיר, דו דארפסט קומען צו מיר". ס'טייטש, ווען ער האט נישט קיין עכטע ריזן.

**ר' יצחק:** אויב ער האט א טענה.

**ר' יואל אשר:** אויב ער האט נישט קיין עכטע טענה, האסט חתונה געהאט מיט איר, אבער ער רעכנט זיך מיט איר, זי וויל וואוינען

דא. אבער אויב האט ער א טענה פון פריצות וכדומה, איז שומעין לו, און זי דארף קענען נאכגיין.

**דיון: פארוואס איז נישט קיין חזקה נויטיג?**

**ר' יצחק:** ס'איז נישט קיין ראיה, ס'איז נישט קיין חזקה, נישט יעדער איינער איז מסכים אז זיי זענען שלעכטע מענטשן. ער האלט אז זיי זענען שלעכטע מענטשן,

**ר' יואל אשר:** שוין, איז גענוג. **"מוציאה ממנו"**, האט ער די רעכט איר ארויסצוציען, מחייב זיין אז ער זאל מופן, **"וגיי וואוינען ביי בני אדם כשרים."**

**הלכה: וכן היא שאמרה כן — די פרוי'ס טענה**

**ר' יואל אשר: "וכן היא שאמרה כן"**. זאגט פארקערט, ער האט געמאכט א כסות, אנטשולדיגט, א מדור אין א געוויסע פלאץ. זאגט זי, "איך וויל נישט אהינגיין, ווייל דארטן איז דא שלעכטע מענטשן." **"אף על פי שהוא אומר, אני איני מקפיד עליהן"**, ביי מיר זעען זיי אויס ווי וואוילע מענטשן, זעען מיר נישט אויס

**ר' יצחק:** ווי קיין שלעכטע מענטשן.

**ר' יואל אשר: "שומעין לה, מפני שהיא אומרת, אין רצוני שיצא עלי שם רע בשכונת אלו."** מענטשן דזשאדזשן מענטשן לויט, וויאזוי זאגט מען עס? ביי, דזשאדזשן מענטשן ביי מיט וועם מ'אידענטיפיידט זיך, מיט וועם מ'איז נאנט, און מענטשן וועלן מיינען אז איך בין א חלק פון די באמס וואס וואוינען אין יענע שטאט. ס'איז אזוי ווי פריער, אז איר שם רע, איר אידענטיטי איז וויכטיג.

**דיון: פארוואס ביי איר איז דער טעם שם רע און נישט הרחק משכן רע?**

**ר' יצחק:** אינטערעסאנט. פארוואס ווען ער זאגט, זאגט מען הרחק משכן רע, און זי קערט נישט וועגן דעם, זי קערירט נאר וועגן וואס מ'גייט זאגן וועגן איר. כ'האב אינטערעסאנט. דאס הייסט, אפילו אז ס'איז נישט טאקע עפעס אזוי?

**ר' יואל אשר:** ניין, ס'טייטש אזוי, זי שטעלט נישט צו יענעם מדור. גוטע שאלה, פארוואס זאגט נישט זי

**ר' יצחק:** אויך הרחק משכן רע? פארוואס דארף זי זאגן שם רע? פרעגט שוין די קשיא די מענטשן. איך מיין אז ס'איז דא א ריזן, איך מיין אז הרחק משכן רע, פרוצים געוועגליך מיינט אז זיי גייען זיי גייען זיך טשעפען מיט זיין ווייב. סאו ס'שטערט פאר דעם מאן, ער האט א רעכט כולי מצד זיין שלום בית, ער וויל נישט זיי זאלן זיך דרייען מיט די מיט די מענער וואס גייען זיך טשעפען מיט איר.

אבער ביי איר איז נישטא אזויפיל די פראבלעם, עס הייסט, ער זאגט ס'גייט מיך נישט אן, איך האב נישט מורא פון זיי, זאגט זי, אבער מ'וועט זאגן אויף מיר. שם רע געוועגליך מיינט אויכעט בעריות, רייט? מ'וועט זאגן אז איך וואוין ביי די געגנט וואו מענטשן פלירטן א גאנצע צייט מיט אנדערע ווייבער,

**ר' יואל אשר:** פארשטייסט? אקעי, איך טראכט אפשר אנדערש, אז די פרוי זיצט דאך בדרך כלל בזוית ביתה, סאו זאגט זי איך בין נישט מקפיד,

**ר' יצחק:** איך... ער זאגט, ער זאגט איך בין נישט מקפיד.

**ר' יואל אשר:** ניין, איך זאג אזוי. דער מאן גייט אריין און ארויס, יא? דער מאן איז דאך נישט איינגעשפארט אינדערהיים. גייט ער אריין באמפן אין די שכנים, איז שלעכט פאר אים. די פרוי קען זאגן וואו איך זיץ דאך עניוועי בזוית ביתה, אבער וואס יא?

**ר' יצחק:** שם רע, מ'וועט וויסן איך וואוין דארט. ניין, ניין, איך מיין אז מתיירא מהן מיינט עקזעקטלי דאס, אז ער האט מורא אז זיי גייען זיך טשעפען מיט זיין ווייב, דאס איז די מתיירא מהן. וואס האבן אנדערע האבן געפרעגט פריער וואס טייטש ער האט א מורא, און די תירוץ איז דאס איז א חשש.

אויב ער זאגט ס'גייט מיך נישט אן, איך האב נישט... מיט אנדערע ווערטער איך האב נישט מורא פון זיי, איך וויס מיין ווייב איז... איך טראסט דיך, איך וויס וואס, דו ביסט גענוג צניעות'דיג, איך האב נישט קיין חשש דו גייסט נישט שמועסן מיט יענע מענער. אבער זי זאגט איך וויל נישט. פארוואס וויל איך נישט? מ'פרעגט איר וואס הייסט, דו האלטסט אז דו ביסט א פרוצה? דו ביסט נישט קיין פרוצה, דו ביסט א וואוילע מיידל, גייסט נישט דרייען, ביסט א וואוילע פרוי, דו גייסט דיך נישט דרייען מיט זיי. אבער מ'וועט זאגן אויף מיר אז איך דריי זיך מיט דעם מענטש, דאס איז אליינס א טענה. זי איז נישט קיין חשש אז זי... עס הייסט, לאמיר זאגן זי איז טאקע זי איז א ערליכע, זי גייט נישט ווערן נמשך נאך זיי, עפעס אזוי.

אינטערעסאנט, אבער אזוי מיין איך אז די טייטש. אקעי, דאס איז באופן כללי די הלכה אז מ'קען אויב מ'האט א טענה, יא, אויב מ'טענה'ט אז דא זענען שלעכטע מענטשן קען מען גיין, בײדע פון זיי, סיי דער מאן סיי די פרוי קען טענה'ן אונז גייען וואוינען אין א פלאץ וואו ס'דרייען זיך בעסערע מענטשן.

**הלכה: כל היישוב ארצות ארצות הוא — הגדרות פון ארצות, מדינות, כפרים**

**ר' יואל אשר:** יעצט גייען מיר לערנען וועלכע לאנד צו וואוינען. דער רמב"ם זאגט אזוי: **"כל היישוב ארצות ארצות הוא"**, וואס איז די הקדמה? חידוש גדול! איבעראל, כל היישוב, איבעראל וואו מענטשן וואוינען איז אויסגעשטעלט אין עקסטערע לענדער. פאר סאם ריזן מ'האט נאכנישט געמענעדזשט צו מאכן איין גרויסע one big happy family, א international community.

**ר' יצחק:** דער רמב"ם איז מסביר וואס טייטש ארץ און מדינה, יא?

**ר' יואל אשר:** דאס איז א... **"כגון ארץ כנען"** ארץ כנען? ארץ כנען, פשש, אינטערעסאנט.

**ר' יצחק:** ארץ כנען אין רמב"מ'ס צייטן

**ר' יואל אשר:** איז שוין נישט געווען ארץ כנען פאר טויזנט יאר.

**ר' יצחק:** דו פארשטייסט וואס ער מיינט. אונז גייען יעצט נוצן קאנצעפטס אז ס'איז דא א זאך וואס הייסט ארצות און ערים, אדער

וואס דער רמב"ם רופט מדינות געווענליך, יא, מדינה איז א שטאט. ער וויל אייך געבן א קלארקייט דו זאלסט פארשטיין ווען ער גייט זאגן מארץ לארץ, אדער ממדינה למדינה באותה ארץ, אדער ממדינה לכפר באותה ארץ וכו'. סאו קודם איז דא אזא זאך ווי ארצות. און ער געבט א דוגמא, דו זאלסט כאפן וואס דא מיינט דיווארט ארצות, ווייל ווען דער רמב"ם זאגט מדינה געווענליך מיינט ער שטאט.

סאו זאגן ארץ, איז למשל כנען, מצרים, תימן, כוש. **שנער וכיוצא בהן.** בפרט ווי דער רמב"ם נוצט אלעמאל פסוקים. דער רמב"ם זאגט אפילו קיינמאל נישט בבל,

**ר' יואל אשר:** ער זאגט אלעמאל שנער, ווייל אין פסוק שטייט אזוי. איה"מ. יא. יא. **בכל ארץ וארץ בכל ארץ וארץ איז נאך דא מדינות וכפרים,**

**ר' יצחק:** ס'איז דא שטעט און דערפלעך.

**ר' יואל אשר: וערי ישראל,** וואס זענען די שטעט אין ארץ ישראל לענין נישואין? יא. איז לענין נישואין צוטיילט מען עס אין דריי:

**ר' יצחק: שלש ארצות היו יהודה,**

**ר' יואל אשר:** היו איז א מאל געווען, יא. היו **יהודה,** די געגנט פון ירושלים און ארום,

**ר' יצחק: עבר הירדן,** יא, דזשארדען, **והגליל. הגליל. הנקרא בהיום צפון.** יא.

**ר' יואל אשר:** יא. מ'רופט עס נאך אלץ גליל, יא. יעצט אזוי.

**הלכה: איש שהיה מן הארצות — מארץ לארץ**

**ר' יצחק:** איז אזוי,

**ר' יואל אשר: איש שהיה מארץ מן הארצות,** איינער וואס איז געקומען פון עני פון די שטעט, און ער האט געזוכט זיין לאק אין אן אנדערע שטאט, **ונשא אשה בארץ אחרת, כופין אותה,** קען ער איר צווינגען, **ויוצאה עמו לארצו,** ער קען זאגן, אזוי ווי טאקע די וואכעדיגע פרשה, קום וואוינען צו מיר, יא, ער גייט זוכן רבקה, און ער ברענגט איר צוריק צו די מאן'ס פלאץ, ויוצאה עמו לארצו. און אויב וויל זי נישט, קען ער איר זאגן אז דו ווילסט נישט קומען וואוינען ביי מיר, **או תצא בלא כתובה, שעל מנת כן נשאה.** ווען א מאן נעמט א פרוי, איז עס מיט'ן חשבון אז ער גייט האבן די...

**ר' יצחק:** סתם, גייט מען וואוינען ביי אים.

**ר' יואל אשר:** סתם, אז ער גייט קענען האבן די רעכט אין וועלכע ארץ צו וואוינען,

**ר' יצחק: ואף על פי שלא פירש.**

**ר' יואל אשר:** אפי' ער האט עס נישט פארדעם מפרש געווען, אויב יא איז דאך פשוט.

**הלכה: אבל הנושא אשה באחת מן הארצות — נישט מארץ לארץ**

**ר' יצחק:** אבער וואס איז די זעלבע ארץ?

**ר' יואל אשר: אבל הנושא אשה באחת מן הארצות, והוא מאנשי אותה הארץ.**

**ר' יצחק:** ער איז א אורח פון דעם הי דארטן.

**ר' יואל אשר:** א מענטש קען נישט סתם מחליט זיין, איך וויל, יענע געגנט געפעלט מיך צו וואוינען, ווי ער האט נאכנישט געוואוינט, און ער, זיין ווייב האט נאכנישט געוואוינט,

**ר' יצחק:** און ער וויל איצט אהינגיין.

**ר' יואל אשר: אינו יכול להוציאה לארץ אחרת.**

**ר' יצחק:** פארוואס? ווייל זי האט נישט אנגענומען, זי האט נישט געטראכט פון דעם.

**ר' יואל אשר:** אבל דער ווארט איז ווייל זי וואלט געדארפט טראכטן אז ווען ער פיקט, ווען ער... אז מן הסתם גייט ער איר נעמען צו איר געגנט.

**ר' יצחק:** הנהה, ווען א מענטש קומט פון א אנדערע ארץ, צו חתונה האבן, געווענליך גייט ער אהיימגיין מיט איר אין זיין לאנד. אבער א מענטש גייט נישט סתם אזוי, א מאן האט נישט א רעכט צו נעמען זיין פרוי וועלכע לאנד ער וויל. דאס איז דער ווארט. יא? יא. ממילא קען ער נישט. אבל, וואס קען ער יא? אבל,

**הלכה: אבל מוציאה ממדינה למדינה או מכפר לכפר באותה הארץ**

**ר' יואל אשר: אבל מוציאה,** קען ער יא מוציא זיין **ממדינה למדינה, או מכפר לכפר באותה הארץ.** ער קען יא מחליט זיין וואו צו וואוינען within די ארץ.

**ר' יצחק:** As long asביידע איז א מדינה אדער ביידע איז א כפר. רייט? **ואינו יכול,**

**ר' יואל אשר:** וואס קען ער נישט? אה, טייטש, ער בלייבט מיט די זעלבע לייפסטייל. ס'איז דא א מין מדינה לייפסטייל און א כפר לייפסטייל. אבער **ואינו יכול להוציאה,** ער קען נישט מאכן די גרויסע טשעינדזש, איר ארויסנעמען פון א שטאט צו א דערפל, אדער פארקערט. פארוואס? זייער ענליך צו וואס מ'האט געלערנט על מנת שאני בת כפר,

**ר' יצחק:** בן כפר אדער מעני...

**ר' יואל אשר: שיש דברים שישיבת המדינה טובה להן,** ס'איז דא געוויסע זאכן וואס איז גוט צו וואוינען אין א שטאט, ווייסט, דאס, דא אלע מיני סטארס, **ויש דברים שישיבת הכפרים טובה להן,**

**ר' יצחק:** מ'האט מער שטח וכדומה. ממילא, זי קען, זי קען, ער קען איר נעמען within די זעלבע לאנד צו עני אנדערע שטאט אדער עני אנדערע דארף, אבער נישט טוישן. דאס הייסט,

**ר' יואל אשר:** ווען זי איז נישט מסכים, יא? יעצט זעהן די משנה שטייט כרך און עיר. דער רמב"ם טייטשט כרך רופט ער מדינה,

**ר' יצחק:** און עיר רופט ער כפר. וואס קען ער נישט? אה, סארי, וואס נאך קען ער נישט? דאס הייסט, מ'האט גערעדט אז מ'קען,

דאס קען

## דינים פון אוצאה ממדינה למדינה — ארץ ישראל כלפי חוץ לארץ

### הלכה כ (המשך) — דינים פון נוה יפה לנוה רע

**ר' יצחק:** סא ממילא ער קען איר נעמען within די זעלבע לאנד צו עני אנדערע שטאט אדער עני אנדערע דארף, אבער נישט טוישן. זי וועט זיין נישט מסכים.

**ר' יואל אשר:** יע? רייט. יע, אין די משנה שטייט כרך און עיר. דער רמב"ם טייטשט, כרך רופט ער מדינה.

**ר' יצחק:** און עיר רופט ער כפר. וואס קען ער נישט? סארי. וואס נאך קען ער נישט? ס'הייסט מ'האט גערעדט אז מ'קען, דאס קען ער יא, אבער אפילו דעמאלטס קען ער נישט טוישן די לעוועל.

**ר' יואל אשר:** רייט? יע, זייער גוט. זאגט דער רמב"ם: **"וכשמוציאה ממדינה למדינה או מכפר לכפר באותה הארץ"**, דארטן וואו ער קען יא,

**ר' יצחק:** ער קען זיך איר נעמען within

**ר' יואל אשר:** די זעלבע ארץ

**ר' יצחק:** צו יעדע אנדערע מדינה

**ר' יואל אשר:** אדער צו יעדע אנדערע כפר, אבער **"אינו מוציאה לא מנוה יפה לנוה רע"**, ער קען איר נישט נעמען פון א שיינע געגנט צו א מיאוסע געגנט, אפילו נישט פון א מיאוסע געגנט צו א שיינע געגנט.

פארוואס? פארוואס נישט פון א מיאוסע צו א שיינע? ווייל א שיינע איז דאך העכערע סטענדערד, ס'גייט איר דארפן ארבעטן שווער זיך קויפן מלבושים לויט וויאזוי מ'גייט אין דעי פענסי שטאט. **"מפני שהיא צריכה להיטפל"** זיך אפגעבן מיט דעם, **"ולבדוק עצמה יפה בנוה היפה, כדי שלא תהיה בו קלה וכעורה."** זי זאל נישט אויסקוקן בבזיון, זי זאל נישט אויסקוקן מיאוס, אדער קלה מיינט אזוי ווי טשיפ.

ווייל די סטענדערדס זענען העכער, קען זי זאגן כ'וויל נישט גיין צו א העכערע סטענדערד, ס'גייט לייגן אויף מיר מער פרעשור. זייער אינטערעסאנט, גוט צו וויסן. נישט אייביג איז אזא גרויסע גדולה צו גיין אין א געגנט וואס איז בעסערע מענטשן.

**ר' יצחק:** בעסערע מענטשן דארף מען זיך מער צושטעלן.

**ר' יואל אשר:** וכן, יע, פארקערט. יע. **"וכן לא יוציאנה ממקום שרובו ישראל למקום שרובו גויים."**

**ר' יצחק:** אויכעט ווייל ס'איז ערגער.

**ר' יואל אשר:** סתם אזוי. אבער פארקערט קען ער אייביג פאדערן: **"ובכל מקום מוציאין ממקום שרובו גויים"** אפילו פון א מדינה לכפר אדער עפעס אזוי? יע.

**ר' יצחק:** **"ובכל מקום מוציאין ממקום שרובו גויים"** אה ניין, השאלה אויב ס'מיינט יא, אויב within די זעלבע מדינה. **"ממקום שרובו גויים למקום שרובו ישראל."** רייט. זאגט דער רמב"ם, דעי אלע הלכות אז ס'איז דא, מ'קען נישט נעמען צו א אנדערע לאנד וכדומה,

**ר' יואל אשר:** דאס איז דווקא **"במה דברים אמורים? מחוצה לארץ לחוצה לארץ"**. און ביידע זענען, ביידע לענדער, ביידע שטעט זענען אין חוץ לארץ, איז דעמאלטס זאגן אונז די אלע הלכות אז מ'קען איר פאדערן צו בלייבן, מ'קען נישט פאדערן ארויסצומאפן אדער אינגאנצן אויף די, אויף אן אנדערע ארץ וכדומה. אדער מיט ארץ ישראל לארץ ישראל אויב ביידע זענען אין ארץ ישראל איז די הלכה וואס מ'קען יא און וואס מ'קען נישט. אבל מחוצה לארץ לארץ ישראל אויב

**ר' יצחק:** ער נעמט א

**ר' יואל אשר:** פרווי פון חוץ לארץ און ער איז מחליט ער וויל גיין קיין ארץ ישראל דעמאלטס קען ער נישט, קען זי נישט טענה'ן הרהיכו דזה שכיחי לי. כופין, מ'צווינגט לעלות ארויפצוגיין, אפילו מנוה היפה לנוה הרע, אפילו זי גייט גיין פון א שיינע געגנט, פון איך ווייס פון הוואל צו מאה שערים לנוה הרע. אדער אפילו ממקום שרובו ישראל, אפילו אויב יעצט איז דא א צייט ווען אין חוץ לארץ וואוינט דער עולם, איך ווייס, בבל איז געווארן א גרויסע אידישע שטאט, און מה שאין כן ארץ ישראל איז יעצט נאך די חורבן וואס ס'וואוינען דארטן זייער אסאך גוים, אפילו מכל מקום, ממקום שרובו ישראל למקום שרובו גויים, אבער דע, אבער ס'איז פון חוץ לארץ צו ארץ ישראל, מעלין דארף מען אים יא פאלגן, און ער האט יא די רעכט איר צו רופן וואוינען אהין. דאס איז וועגן אלץ די שבח, אדער די מצוה, אדער די גרויסע ענין פון וואוינען אין ארץ ישראל קען ער פאדערן. ס'האט חסרונות, אבער איך וויל וואוינען אין ארץ ישראל, און זי קען אים נישט אפהאלטן.

**ר' יצחק:** ואין מוציאין,

**ר' יואל אשר:** אבער וואס טוט מען נישט? פארקערט,

**ר' יצחק:** זאגט דער רמב"ם, מ'טאר קיינמאל נישט, נישט מ'טאר נישט,

**ר' יואל אשר:** ער האט נישט קיין רעכט, ער האט נישט קיין רעכט, אויב א איד פון ארץ ישראל נעמט א ווייב פון ארץ ישראל,

**ר' יצחק:** קען ער נישט, אדער אפילו פון חוץ לארץ, נישט קיין חילוק, קיינמאל נישט. ארץ ישראל חוץ לארץ איז גובר אויף די אלע חידושים וואס מיר האבן געלערנט.

**ר' יואל אשר:** אקעי. אבער א מענטש קען נישט פאדערן צו ארויסנעמען זיין ווייב פון ארץ ישראל צו חוץ לארץ. אפילו מנוה רע שרובו גויים, אפילו פון א שלעכטע דירה און מ'וואוינט צווישן גוים לנוה יפה צו א שיינע געגנט

**ר' יצחק:** שרובו ישראל קען מען אויך נישט. דאס איז א וויכטיגע הלכה. מיר גייען עס לערנען ווייטער. איך מיין אז ס'איז די המשך פון די זעלבע הלכה, איך פארשטיי נישט פונקטליך פארוואס עס דארף שטיין צוויי מאל.

### דיסקוסיע: דער רמב"ם און ישוב ארץ ישראל

**ר' יואל אשר:** אמר האיש, זאגט דארטן די גמרא, ווייל מי שדר בחוץ לארץ הראהו אזוי ווי ער האט נישט קיין גאט, אזוי כאילו עובד עבודת כוכבים. דער רמב"ם ברענגט עס נישט, אבער דאס איז די...

**ר' יצחק:** אמר האיש,

**ר' יואל אשר:** יא. אה דער רמב"ם פסק'נט נישט אה אין זיין ספר המצוות די מצוה פון ישוב ארץ ישראל. און אבער דא לכאורה האט ער יא אטליסט דאס געפסק'נט. און דא זעהט מען אז דער רמב"ם האלט אויך אז ס'איז דא א מושג. אפשר איז נישט קיין מצוה, אבער אז א איד

**ר' יצחק:** באלאנגט אין ארץ ישראל. אויך אין הלכות מלכים זאגט דער רמב"ם אז מ'זאל וואוינען אין ארץ ישראל. אה יא? אה יא, ער זאגט נאר נישט מצוות עשה, אבער ס'שטייט אין הלכות

**ר' יואל אשר:** מלכים אז מ'דארף

**ר' יצחק:** וואוינען אין ארץ ישראל. סאו, ס'איז נישט עקזעקטלי אז ס'שטייט נישט דאס.

**ר' יואל אשר:** ניין, אז איך מיין די עיקר ווארט איז אז ס'איז דא די וואס ברענגען נישט די הלכה ווייל זיי זאגן אז די זאכן פון די גמרא איז בזמן הבית, אדער די זאכן פון די משנה איז בזמן הבית. בזמן הבית? בזמן הזה, ניין, תוספות זאגן רבינו חיים אז יעצט איז נישט קיין מצוה לדור בארץ ישראל, ווייל ס'איז שוין נישטא קיין מצוות התלויות בארץ.

**ר' יצחק:** ס'קען זיין אז בזמן המשנה איז נאך געווען תרומות ומעשרות. רבי חיים האט געהאלטן צוליב א טעם ווייל מ'קען נישט. נישט ווייל ס'איז נישט דא, תרומות ומעשרות איז יא דא. רבי חיים הכהן האט זיך פארגעשטעלט אז ס'איז נישט מעגליך צו מקיים זיין. גראדע איז ער גערעכט, אבער איך וויל נישט אריינגיין אין דעם. אממ און ממילא האט ער געטראכט אז ס'איז נישט דא קיין מצוה.

**ר' יואל אשר:** אבער אין דער רמב"ם זעהט מען אז ער האט געהאלטן אז ס'איז נאך יא דא אזא מצוה.

**ר' יצחק:** ווי מ'האט גערעדט אנהייב שיעור, נישט קיין ראיה,

**ר' יואל אשר:** ווייל דער רמב"ם זאגט

**ר' יצחק:** וואס שטייט אין די גמרא.

**ר' יואל אשר:** וואס איז פראקטיש,

**ר' יצחק:** דארף מען פרעגן פראקטיש. דער רמב"ם ברענגט דאס, דער רמב"ם ברענגט ס'להלכה. נישט קיין ראיה. דער רמב"ם קען נישט אויסלאזן קיין איין גמרא ווייל ער האלט אז דער רמב"ם טוט דאך נישט דאס. אבער דער רמב"ם האלט נישט פון א גמרא, ווען ער וואלט ווען ער וואלט נישט געפסק'נט ווי די גמרא וואלט ער ס'אפשר נישט געברענגט? נישט אמת, נאר אויב ס'איז דא א מחלוקות וויטאין די גמרא. דער רמב"ם קען קיינמאל נישט זאגן אז די גמרא איז היינט נישט נוגע ווייל ער האט עפעס א חילוק. דאס איז תוספות טוט דאס, אבער דער רמב"ם'ס ספר איז נישט געבויט אויף דעם. דער רמב"ם'ס ספר איז געבויט אויף זאגן וואס שטייט אין די גמרא. הלכה למעשה איז נאכנישט קיין ראיה וואס דער רמב"ם האלט.

### הלכה כא — אמר האיש לעלות / אמרה היא לעלות

**ר' יואל אשר:** ווייטער זאגט דער רמב"ם: **"אמר האיש לעלות לארץ ישראל והיא אינה רוצה"**, זי וויל נישט, יעצט קען ער איר געבן א גט און ער דארף איר נישט געבן קיין כתובה, קענסט קומען מיט מיר קיין ארץ ישראל, **"תצא שלא בכתובה"**.

פארקערט. פארקערט: **"אמרה היא לעלות"**, זי וויל ארויפגיין קיין ארץ ישראל אבער ער וויל נישט, איז איז זי גערעכט. איז זי גערעכט.

**ר' יצחק:** דארף ער איר געבן, דארף ער איר געבן די כתובה. **"יוציא ויתן לה כתובתה"**, זי וועט גיין אליינס אויף ארץ ישראל,

**ר' יואל אשר:** ס'איז א מצוה צו גיין אליינס אויך. זאגט דער רמב"ם: **"והוא הדין לכל"** אין ארץ ישראל איז אויך דא חשוב'ער און וויניגער חשוב, **"והוא הדין לכל מקום מארץ ישראל עם ירושלים"**. ארץ ישראל כלפי חוץ לארץ איז די זעלבע זאך ווי ירושלים כלפי אנדערע שטעט. **"שהכל מעלין לארץ ישראל"**,

**ר' יצחק:** יעדער איינער אממ הכל מיינט סיי דער בעל,

**ר' יואל אשר:** סיי די אשה. רייט, סיי דער מאן, סיי דער פרוי קענען פאדערן צו גיין צו ארץ ישראל, **"ואין הכל מוציאין משם"**, ביידע האבן נישט די רעכט צו זאגן איך וויל אוועקגיין פון ארץ ישראל. און די זעלבע זאך איז לגבי ירושלים, אז פון סיי וואו אין ארץ ישראל קען סיי ווער פארלאנגען איך וויל גיין קיין ירושלים, ווייל ירושלים איז חשוב'ער, **"ואין הכל מוציאין משם"**.

דא זעהט מען טאקע אז לאו דווקא ס'האט צו טון מיט די מצוה, נאר ס'האט צו טון מיט די חשיבות, ווייל ס'איז זיכער אז ס'איז נישטא קיין

**ר' יצחק:** אמר האיש לעלות לארץ ישראל והיא אינה רוצה

**ר' יואל אשר:** תצא שלא בכתובה אמרה היא לעלות והוא אינו רוצה יוציא ויתן לה כתובתה והוא הדין לכל מקום מארץ ישראל עם ירושלים שהכל מעלין לארץ ישראל ואין הכל מוציאין משם והכל מעלין לירושלים ואין הכל מוציאין משם